YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv05i30

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 5 Issue 30
July 1923

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 5, Iss. 30)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/228

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)

אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

VOL. V. No. 30. — New York, Friday, July 27, 1923. — פרייטאג, דזשולײ דעם 27טען, 1923. — PRICE 3 CENTS

א טויטליכער אינדזשאנקשאן פאר אונזער אינטערנעשאנאל און אלע אנדערע יוניאנס

דער שיקאגא'ער דרעס-מאנופעקטשורער מר. מיטשעל האט אויסגעפיהרט. דער דיסטריקט קאורט פון יונייטעד סטייטס האט איהם באוויליגט זיין בקשה, און האט ארויסגעגעבען געגען דער אינטערנעשאנאל און אלע איהרע באאמטע אן אינדזשאנקשאן, וואס פארבאט איהר צו ארגאניזירען די ניט-ארגאניזירטע ארבייטער, איינצוקלעהרען די ארבייטער, וועלכע ווייסען עס נאך ניט, ווי וויכטיג עס איז פאר זיי זיך צו פאראייניגען און בילדען א יוניאן. און אזוי ווי די דאזיגע ארבייט צו ארגאניזירען די ארבייטער אין יוניאנס, אויפצוקלעהרען זיי איבער זייער הילפלאזיגקייט ווען זיי זיינען ניט ארגאניזירט, איז דער איינציגער לעבענס-צוועק פון דער אינטערנעשאנאל, ווייל קיין אנדערען האט זי ניט, און קען ניט האבען, מיינט פראקטיש דער דאזיגער אינדזשאנקשאן א טויט-אורטייל פאר דער אינטערנעשאנאל. ניין, דאס מיינט א טויט-אורטייל פאר אלע אנדערע יוניאנס, וועלכע האבען מיט דער אינטערנעשאנאל דעם איינציגען לעבענס-צוועק.

די גאנצע מעשה קלינגט משונה'דיג-ווילד. ווי איז עס מעגליך? זינט ווען איז עס געווארען א פארברעכען צו ארגאניזירען ארבייטער אין א יוניאן פאר זייער שוץ געגען רויב און עקספלואטאציע? אבער דאך איז עס א פאקט, דער אינדזשאנקשאן קוקט אויף דער אינטערנעשאנאל, ווי אויף א קאנספיראציע, ווי אויף א פארשווערונג, ווי אויף א פארברעכערישע באנדע, וועלכע האט זיך גענומען פאר איהר לעבענס-אויפגאבע צו רואינירען מר. מיטשעל, דעם דרעס-מאנופעקטשורער פון שיקאגא, צוצונעהמען ביי איהם זיין אייגענטום!

וועלכען אייגענטום? איז די אינטערנעשאנאל, אפשר, געכאפט געווארען, חלילה, צו'גנב'ענענדיג ביי מר. מיטשעל עטליכע דרעסעס, עטליכע מאשינען? ניין, דאס ניט. אבער מר. מיטשעל האט אן אנדער סארט אייגענטום. דאס זיינען זיינע ארבייטער. ער מיינט, אז זיי און זייער ארבייט געהערט אויסשליסליך צו איהם. ער האט מיט זיי געמאכט אן אגרימענט, אין וועלכען זיי האבען פארקויפט אלע זייערע מענשליכע רעכטע. זיי זיינען דארום פראקטיש זיינע שקלאפען. און אז די אינטערנעשאנאל וויל די דאזיגע שקלאפען אויפקלעהרען, הייסט עס ביי מר. מי-

(שלוס אויף זייט 16)

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 30

זייט 2. די וואך—מ. רעניש. מיטינג פון דער דזשאינט באורד פון קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 3. לאקאל 62 נעמט זיך ווידער צו דער ארבייט—מערי גאף.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען. וואס הערט זיך אין לאקאל 5 — מ. גאלדשטיין.
זייט 5. צוויי מיטינגען פון עקז. באורד פון לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ.
זייט 6. פארוואס ווערען מאנופעקטשורער דזשאבערס? — ל. הײמאן. די כאטאן-מאכער—ה. רובינסקי.
זייט 7. וואס טוט די דזשאינט באורד און סאניטארי קאנטראל — מ. י. אשפיז. דער פערד-מענש — אברהם רייזען.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. דער סובמאנופעקטשורער און דער דזשאבער — מאריס זיגמאן.
זייט 10. בריף פון יוניטי לאנד—ל. פינקעלשטיין. קורץ און שארף—י. ב. ג.
זייט 11. ענגלאנד אלס שלום-מאכערין—א. זעלדין. דער פארסער קוסט (פעליעטאן) — דער לעבעדיגער.
זייט 12. פון דער פרעסע — ל. פינקעלשטיין. פיהלט איהר זיך ווי צו פארלוזען—ה. גרעלמאן.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. מיטגלידער-אדרעסען פון לאקאל 35. אדווערטייזמענטס.
זייט 15. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. שלוסען פון זייט 1 און יוניאן-נייעס.

קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר געענדיט מיט א גרויסען זיג פאר די ארבייטער

דער גרויסער ארגאניזיישאן-קעמפיין, וואס איז אנגעפיהרט געווארען פון דער אינטערנעשאנאל אין באלטימאר פאר א לענגערע צייט צווישען די קלאוקמאכער, און וועלכער האט געפיהרט צו א דזשענעראל קלאוקמאכער-סטרייק מיט דריי וואכען צוריק, האט געבראכט פאר די בעלי מלאכות אין באלטימאר א ווירקליך גלענצענדען זיג. די קלאוק-אינדוסטריע אין באליטמאר איז איצט פאלשטענדיג ארגאניזירט. אלע קלאוק-שעפער אין באלטימאר, אחוץ דריי, זיינען פאלשטענדיגע יוניאן-שעפער. אין דער יוניאן, וועלכע האט געהאט ביז פאר דעם סטרייק קוים הונדערט גוטשטעהענדע מעמבערס, זיינען איצט דא באלד 500. און לעצטען דאנערשטאג, דזשולײ דעם 19טען, האט זיך די סטרייק-קאמיטע אויפגעלעזט, און די ארבייטער האבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט, אלס הונדערט-פראצענטיגע יוניאן-מעמבערס, אין זייערע הונדערט-פראצענטיגע יוניאן-שעפער.

דער סטרייק האט ניט לאנג געדויערט, אבער ער איז אנגעפיהרט געווארען העכסט ענערגיש. די באלטימאר קלאוק-מאנופעקטשורערס האבען

(שלוס אויף זייט 13.)

א ספעשעל מיטינג פון דער ניו יארקער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

פאראן זאכען, וועלכע קענען ניט ווארטען אויף דעם אלגעמיינעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכע קומט זיך צוזאמען נאר אלע דריי מאנאטען. רופט דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל די מעמבערס פון דער ניו יארקער דזש. עקז. ב. אום צו באשליסען די נויטיגסטע פראגען. און אזוי האט דער ניו יארקער ג. ע. ב. געהאט די וואך צוויי זיצונגען, מאנטאג נאכמיטאג און דינסטאג פריה-מארגען, אויף וועלכע גאנץ וויכטיגע באשליסע זיינען געפאסט געווארען, און מיט וועלכע אונזער מעמבערשיפ דארף זיין באקאנט. מיר וועלען זיי דא אויס מאנגעל אין פלאץ איבערגעבען גאנץ קורץ.

ערשטענס האט זיך געהאנדעלט צו פאסען אן ענדליכען באשלוס וועגען לאס אנדזשעלעס, און עס איז באשלאסען געווארען, אז אזוי ווי דער קעמפיין, וואס ווערט געפלאנעוועט פאר די יוניאניזירונג פון די דארטיגע קלאוק-שעפער קען מעהר ניט אפגעלעגט ווערען, ווייל, לויט אלעמענס מיינונג, איז איצט דער גינסטיגער מאמענט, ווערט דער דאזיגער קעמפיין פון דעם דזש. עקז. באארד גוטגעהייסען, און אויך איז באשלאסען געווארען, אז איינער פון אונזערע וויים-

(שלוס אויף זייט 13.)

רייןקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20 ערב באנייען די אגרימענטס מיט די באלעבאטים פון טרייד

די רייןקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20 פון אונזער אינטערנעשאנאל האט לעצטע וואך ארויסגעשיקט זייער נייעם אגרימענט צו די מאנופעקטשורערס פאר דעם נעקסטען יאהר.

דעם 1טען אויגוסט ענדיגט זיך דער אלטער אגרימענט, וואס עקזיסטירט צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אין דער רייןקאוט אינדוסטריע, און די יוניאן האט שוין געמאלדען די בעלי בתים אין א ספעציעלען לעטער וועגען דער באלדיגער באנייאונג פון דעם נייעם אגרימענט פאר דעם קומענדען יאהר.

דער נייער אגרימענט ענטהאלט צוויישען אנדערעס איינציגע פארשטארקטע פונקטען אין באצוג צו דעם קאנטראל פון דעם דזשאבבער; אויך זיינען אין דעם נייעם אגרימענט פארגרעסערט געווארען די סקיילס פון די שניידער, פרעסער, אונטער-פרעסער און פעלינג-הענד.

ביי דעם לעצטען דזשענעראל מעמבער-מיטינג אין מאנהעטען ליסעאום דעם 12טען דזשולײ, וועלכער איז באזוכט געווען פון א 500 מעמבערס, האט דער מענעדזשער, ברודער וועקסלער, פארגעלעזען דעם נייעם אגרימענט מיט אלע געענדערטע פונקטען רעקאמענדירט פון דער עקז. באארד. און דער נייער אגרימענט איז מיט גרויס בייפאל גוטגעהייסען געווארען.

ביי דעם זעלבען מיטינג איז אויך אנוועזענד געווען אונזער פרעזידענט, ברודער מאריס זיגמאן, וועלכער איז פון די אלטע צייטען נאך באקאנט צו א גרויסער צאהל רייןקאוט מייקערס. פרעזידענט זיגמאן איז אמת הארציג אויפגענומען געווארען פון דער מעמבערשיפ פון לאקאל 20. אין דער רעדע, וואס ער האט געהאלטען ביי דיזען מיטינג, האט ער שטארק געלויבט דעם נייעם אגרימענט, וואס די יוניאן געהט ארויסשיקען צו די בעלי בתים, און ער האט פארזיכערט די מעמבערשיפ, אז טראץ דעם וואס ער ווייס, אז לאקאל 20 איז א קאמפס-פעהיגע יוניאן און איז אליין פעהיג אויפצופאסען אויף איהרע אינטערעסען, דאך אויב די מאנופעקטשורערס זאלען וועלען פארפיהרען א קאמף מיט דער יוניאן, וועט די גאנצע אינטערנעשאנאל שטעהן מיט די קעמפענדע רייןקאוט מייקערס און זיי העלפען

(שלוס אויף זייט 3)

לאקאל 91 גרייט זיך צו א נייעם קאמפיין

די טשילדרען דרעס, בעטהראוב און האוז-דרעס מייקערס יוניאן, לאקאל 91, איז ענטשלאסען אנצוהויבען אן ארגאניזיישאן-קעמפיין צווישען די בעטהראוב-ארבייטער, וועלכע זיינען ביז איצט געווען גאנץ שוואך ארגאניזירט.

עס איז איבעריג צו ערקלעהרען, אז טאקע דערפאר, ווייל די בעטהראוב-ארבייטער זיינען ניט געווען ארגאניזירט, ווי עס באדארף זיין, זיינען די צושטענדע אין זייערע שעפער ווייט, ווייט ניט קיין גלענצענדע. דער פאקט איז, אז אין דער דאזיגער אינדוסטריע בליהט דער סוועט-שאפ אין זיין גאנצער הערליכקייט. די ארבייטער זיינען געצוואונגען צו ארבייטען אונמענשליך לאנגע שטונדען אונטער די אונגעזונדסטע פארהעלטניסע. דער ארבייטס-געבער איז דער גאנצער בעל-דעה וועגען די וויידזשעס פאר ארבייטער, און אין דעם זעלבען שאפ ארבייטען מענשען וואך-ארבייט, שטיק-ארבייט און צייט-ארבייט.

א גרויסע צאהל ארבייטער האבען זיך געווענדעט אפט צו דער יוניאן זיי צו ארגאניזירען, אזוי אז זיי זאלען קענען ווערען יוניאן-מעמבערס, און די יוניאן איז ענטשלאסען צו טאן אלץ אום צו האבען די בעטהראוב-אינדוסטריע ארגאניזירט.

ביז איצט זיינען געווען צוויי מניעות פאר דעם. ערשטענס, איז די יוניאן אליין ניט געווען שטארק גענוג, ווייל ביז ניט לאנג איז לאקאל 91 געווען צוטיילט אין צוויי לאקאלס, 41 און 50, און יעדע איינע איז געווען צו שוואך אונטערצונעהמען אזא קעמפיין. צווייטענס, איז א טייל פון דער בעטהראוב-אינדוסטריע געווען אונטער דעם קאנטראל פון דער אמאלגאמייטעד קלאדהינג ווארקערס יוניאן, און אונזער יוניאן האט געוואלט אויסמיידען די זעהר ניט אנגענעהמע דזשורידיקשאן-פראגען. איצט אבער זיינען ביידע מניעות אוועקגעפאלען. לאקאל 91 איז איצט באמת א שטארקע יוניאן, און מיט א גוטען ווילען קען זי אונטערנעהמען אזא ארגאניזיישאן-קאמפיין. דאן נאך

(שלוס אויף זייט 9.)

דער עקסקורזשאן פון די א. ל. ג. וו. י. אויף דעם האדסאן, זונטאג, דעם 5טען אויגוסט

דער אינטערעס אין דעם עקסקורזשאן, אראנזשירט פון די סטודענטען פון דער א. ל. ג. וו. י. פאר זונטאג, דעם 5טען אויגוסט, אויף א פריוואטע יאכט, מאכט זיכער, אז די אונטערנעהמונג וועט זיין אן ערפאלג.

די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע ווילען מיטפאהרען, זאלען מאכען זייערע באשטעלונגען גלייך. זיי קענען עס טאן איינצאהלענדיג $1.50 אין דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

די אראנזשמענטס קאמיטע פון אונזער סטודענטען-קאונסיל איז פארנומען מיט דער אויסארבייטונג פון א פראגראם פון אמיוזמענטס. דאס מיינט — פארברענגען א טאג אין פארגעניגען.

אלזא, מיטפאהרען קען מען נאר דאן, ווען מען וועט איינצאהלען $1.50 אין פאראויס אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

אלערליי פון קליוולאנד

פון טשארלס קריינדלער.

דער לעצטער ספרינג סיזאן איז גע-
ווען ניט שלעכט, עס איז געווען גענוג
ארבייט און מ׳האט פארדינט. און דאן,
ווען דער סיזאן איז געווען פאראיבער,
האבען אלע אויסזיכטען געצייגט פאר א
זעהר גוטען און צייטיגען פאל סיזאן. אי-
בערהויפט, ווען מיר האבען נאך געקרא-
גען א רייז אין ווייזשעס, האט יעדער
מיט רעכט ערווארטעט, אז דער יעצטיגער
סיזאן זאל זיין אן אויסנאהמע. מ׳האט
ערווארטעט דעם בעסטען סיזאן פאר די
לעצטע עטליכע יאהר. די ערווארטונגען
זיינען אבער ניט פארווירקליכט געווארען.
איינפאך דערפאר, וואס דער סיזאן האט
זיך פארשפעטיגט, און נאך יעצט, ווען ער
האלט שוין אין אנקומען, קומט ער אויך
זעהר סלאו. אבער מיר טוען אונזער
בעסט, אז אין אלע שעפער, וואו עס איז
פאראן ארבייט, זאלען אונזערע מעמבערס
מאכען א לעבען, עס זאל נאך עפעס בליי-
בען אויף סלעק, און צו דעם האפען מיר
נאך פאר א גוטען סיזאן, אבוואהל ער
האט זיך א ביסעל פארשפעטיגט.

די ארבייט אין דער יוניאן פאר די
לעצטע עטליכע מאנאטען ווערט געטאן
אהן טומעל, אין פאקט, גאנץ שטיל. די
קאמפיינס זיינען אלטעגליכע און קיין
גרויסע טרייד פראגען קומען יעצט ניט
פאר, ווייל עס וועט נאך נעמען עטליכע
מאנאטען ביז מען וועט ריידען וועגען
באנייען אונזער אגרימענט, וועלכער גייט
אויס אין דעצעמבער. מיר האבען אפילו
גערייזט די דיוס און אויך אהן טומעל.
אלע אונזערע מעמבערס האבען איינגע-
זעהן, אז אום אנצוגעהן מיט דער ארבייט
דארף מען צאהלען מיט 10 סענט א וואך
מעהר, איז מען זיך צוזאמענגעקומען צו
די לאקאל מיטינגען און מען האט דאס
באשלאסען, און מ׳ען צאהלט.

די לעצטע עטליכע וואכען איז געווען
עלעקשאן אין אלע אונזערע לאקאלען. די
מיטינגען זיינען געווען זעהר גוט באזוכט.
די מעמבערס זיינען זיך צוזאמענגעקומען
צו ערוועהלען די בעסטע מענשען אלס זיי-
ערע באאמטע. מען האט ערוועהלט לא-
קאלע באאמטע און דעלעגאטען צו דעם
דזשאינט באארד. עס וועלען נאך דארפען
עלעקטעט ווערען ביזנעס אגענטען און א
דזשענעראל פינאנס סעקרעטאר. דאס
וועט אויפגענומען ווערען ביים דזשאינט
באארד צום נעקסטען מיטינג.

ארגאניזאציאנס ארבייט.

ווי איהר זעהט, געהט די ארבייט אן
אין דער יוניאן און אין די יוניאן שעפער
גאנץ רוהיג. דערפאר אבער ווערט די
ארבייט ארום די ניט ארגאניזירטע שעפער
געטאן גאנץ לעבעדיג. אן ארגאניזיישאן
קאמיטע איז ערוועהלט געווארען און יע-
דען טאג געהט מען צו די ניט ארגאני-
זירטע שעפער און מ׳ען נעמט אריין די
ארבייטער אין דער יוניאן און מען פארבא-
רייט זיי צו א סטרייק, וועלכער וועט גע-
רופען ווערען אין דער נעקסטער וואך,
אדער צווייטער, און מען וועט סטרייקען
ביז די מאנופעקטשורערס וועלען סיינען
די יוניאן אגרימענטס און די ארבייטער
אין דיזע שעפער וועלען קריגען די זעלבע
קאנדישאנס, וואס אלע יוניאן ארבייטער
האבען.

דזשעני מעטיוס, וועלכע איז גוט בא-
קאנט צו די מעמבערס אין אונזער אינ-
טערנעשאנאל, ארבייט מיט אונז צוזאמען
אין דער ארגאניזאציאנס ארבייט. זי וועט
שטעהן מיט אונז ביז סעפטעמבער, ווען
זי וועט צוריק פאהרען אין קאלערדו.
יעצט טוט זי אויך זעהר גוטע ארבייט,
ארגאניזירענדיג די ניט יוניאן ארבייטער,
און טוט אויך זעהר פיל צווישען די יו-
ניאן ארבייטער. יערענפאלס, די ארבייט
צו ארגאניזירען די ארבייטער געהט אן
גאנץ לעבעדיג און מיר ערווארטען גוטע
רעזולטאטען.

זעהר אנגענעמע געסט אין קליוולאנד.

היינטיגע וואך האבען מיר געהאט
זעהר גרויסע געסט. עס איז געווען פרע-
זידענט זיגמאן און די וויים-פרעזידענטען
פיינבערג, נינפא, העלער, וואנדער, ברעס-
לוי און פערלשטיין.

ווי עס איז שוין באקאנט צו די לעזער
פון די „גערעכטיגקייט", האט די דזשע-
נעראל עקזעקוטיוו באארד ערוועהלט א
קאמיטע צו אונטערזוכען די קאנדישאנס
פון אלע קלאוקס מארקעטס. און דעם
ערשטען באזוך האבען זיי געמאכט אין
קליוולאנד. די קאמיטע האט געמאכט
זעהר א גרינדליכע אונטערזוכונג און
זיינען געגאנגען אין די שעפער, געזעהן
ווי אזוי מען ארבייט דארט, צוזאמענ-
גערעדט זיך מיט ארבייטער פון פארשי-
דענע „פאכען און אויסגעפונען אלעס
וואס די ארבייטער האבען צו זאגען. זיי
האבען איבערגעקוקט אלע רעקארדס פון
דער יוניאן און פון דער דזשוינט באארד,
און זיי האבען אויך געהאט א מיטינג
מיט אקטיווע מעמבערס פון דער יוניאן
און זיי האבען אפילו צוזאמענגערעדט
זיך מיט מאנופעקטשורערס. וואס די
קאמיטע האט אויסגעפונען, וועלען זיי
שוין מסתמא רעפארטען צו די דזשענע-
ראל עקזעקוטיוו באארד און דורך די
„גערעכטיגקייט" צו די מעמבערס פון
דער אינטערנעשאנאל.

די אינסטאלליישאן פון דעם דזשאינט באארד.

יערעס מאל ווען מען אינסטאלירט
די דזשאינט באארד באאמטע, איז עס
א שטיקעל יום טוב. אבער דעם יעצ-
טיגען מאל איז די אינסטאלליישאן גע-
ווען אן אמת יום-טוב׳דיגע און א הער-
ליכע. דאס אלעס איז געווען צוליב
די געסט, וועלכע זיינען אנוועזענד גע-
ווען און דאס זיינען פרעזידענט זיגמאן און
די אלע אויסגערעכנעטע וויים-פרעזי-
דענטען; צו דער יעצטיגער אינסטא-
ליישאן פון דזשאינט באארד האט מען
איינגעלאדען די עקזעקוטיוו באארד פון
אלע לאקאלען און די שאפ-טשערלייטע.
דער מיטינג איז געווען א הערליכער
און איז געעפענט געווארען פון טשער-
מאן פון דעם דזשאינט באארד, ברודער
סאלאמאן, וועלכער האט פארגעשטעלט
וויים-פרעזידענט פערלשטיין אלס טשער-
מאן פון מיטינג.

ברודער פערלשטיין האט געהאלטען
א קורצע רעדע, האט דורכגעפירט עלעק-
שאן פאר אפיסערס פון דזשאינט בא-
ארד און עס זיינען עלעקטעד געווארען
די פאלגענדע: נייטען סאלאמאן,
טשערמאן; בארני בלומבערג, וויים-
טשערמאן; ערנסט רוכיצין, סעקרעטער
און טשארלי פאמעראנץ, סארדזשענט-
עט-ארמס. נאך די עלעקשאנס האט
פערלשטיין פארגעשטעלט פרעזידענט
זיגמאן צו אינסטאלירען דעם דזשאינט
באארד.

ברודער זיגמאן האט געהאלטען א
זעלטען שעהנע רעדע, וועלכע האט גע-
דויערט מעהר ווי א שטונדע צייט און
האט געהאלטען אלע אנוועזענדע גע-
שפאנט. עס איז געווען אן אמת׳ע
הארציגע טרייד יוניאן רעדע, ערקלע-
רענדיג אונזערע אידעאלען און אויפ-
פאדערענדיג די ערוויילטע דעלעגאטען
צו טאן זייער פליכט אלס יוניאן ליי-
טע און זיך ניט אבגעבען מיט קיין
אנדערע זאכען אין דער צייט ווען מען
דארף אטענדען יוניאן ביזנעס.

נאך זיגמאנ׳ען האט וויים-פרעזי-
דענט נינפא געהאלטען א קורצע רעדע
באגריסענדיג די ניי-ערוויילטע דעלע-
גאטען.

א גאנץ לענגערע און זעהר שעהנע
רעדע האט דאן געהאלטען וויים-פרע-
זידענט פיינבערג, וועלכע די אנוועזענדע
האבען אויפגענומען מיט אפלאדיסמענ-
טען.

עס איז נאר א שאר, וואס עס איז
געווארען שפעט און די אנדערע וויים-
פרעזידענטען האבען ניט געקענט רעדען.
געשלאסען דעם מיטינג האט וויים-פרע-
זידענט פערלשטיין מיט א זעהר געלונ-
גענער רעדע, דערמאנענדיג די דעלעגא-
טען, אז דער יעצטיגער אגרימענט געהט
אויס אין דעצעמבער און אז מיר דארפען
זיך שוין אנפאנגען פארבערייטען צו
זיין גרייט מאראליש און פינאנציעל צו
באגעגענען אונזערע מאנופעקטשורערס.
עס איז דאן באשלאסען געווארען אויפ-
צונעמען די „פריפערענס" פראגע ביי
דעם נעקסטען מיטינג פון דזשאינט
באארד. און אזוי האט זיך געענדיגט
די הערליכסטע אינסטאלליישאן, וואס
אונזער דזשאינט באארד האט אמאל גע-
האט.

די עקסקורזשאן פון די לאקאלע סיק-קאמיטעס.

קומענדען שבת, דעם 21טען יולי,
וועלען אלע אונזערע מעמבערס פאר-
ברענגען צוזאמען ביים עקסקורשאן,
וואס ווערט ארגאנזירט פון די סיק
קאמיטעס פון אלע לאקאלען. מען וועט
אוועקפאהרען מיט׳ן שיף 8 אזייגער אין
דער פריה צו סידער פאינט און דארט
צוזאמען פרעהליך פארברענגען. מען
ערווארטעט אלע אונזערע מעמבערס מיט
זייערע פאמיליעס און מען וועט זיכער
האבען א גוד טיים.

א לויבענסווערטע ארבייט.

די אפרייטארס פון די „סאנשיין
קלאוק קאמפאני" האבען ביי איינעם פון
זייערע שאפ-מיטינגען באשלאסען
ארויסצוהעלפען איין אפרייטאר, וועל-
כער איז קראנק געווארען, מיט דעם, אז
מען זאל איהם געבען רייזע קאסטען
קיין ניו יארק און אויך 4 וואכען וויי-
דזשעס כדי ער זאל קענען אוועקפאהרען
אין ניו יארק און זיך אויסקורירען פון
זיין קראנקהייט. דאס איז א הערליכע,
לויבענסווערטע ארבייט. און די ארביי-
טער מעגען שטאלץ זיין מיט זייער בא-
שלוס. „איהר האט געהאנדעלט ווי ער-
ליכע און געטרייע יוניאן לייט דארפען
האנדלען".

ווייסט איהר, אז

מעיער דזשאהן פ. היילאן האט ארויסגעלאזען
א פראקלאמאציע צו די בירגער פון ניו יארק,
רעקאמענדירענדיג די ארבייט פון דעם קרן-היסוד,
און געבענדיג זיין צושטימונג, אז די אידען פון
ניו יארק זאלען באשטימען א געוויסען טאג,
אלס, אן ארץ-ישראל-טאג? ער האט פארלאנגט
פון אלע בירגער צו געדענקען אין יענעם טאג
צו העלפען דעם „פאלעסטיין פאונדיישאן-פאנד"
(קרן היסוד) אזוי אז נאר א גרויסע סומע זאל
געשאפען ווערען פאר דער ווידעראויפבויאונג פון
ארץ ישראל? ווייסט איהר, אז טערקישער טא-
באק איז דער באריהמטעסטער אין דער וועלט,
און אז די העלמאר טוירקיש סיגארעטס ענט-
האלטען הונדערט פראצענט טערקישען טאבאק?

שיקט דאלארס

צו קרובים אין רוסלאנד

דורך דער ערשטער ארבייטער-באנק אין ניו יארק

די אמאלגאמייטעד באנק פון ניו יארק

דער ניו יארקער סטייט בייאנקינג דעפארטמענט ערלויבט יעצט איבערצו
שיקען געלד נאך רוסלאנד, און די אמאלגאמייטעד באנק האט דירעקטע פאר-
בינדונגען און מעגליכקייטען איבערצוגעבען

דאלארס אין רוסלאנד

צו דעם ביליגסטען קורס, דורך אונזער „קארעספאנדענט"-באנק, דורך דער
„רוסקי טארגאווא-פרעמישלעני באנק," „פראמבאנק" (רוסישע קאמערציעלע
און האנדעלס-באנק) און דורך איהרע אפטיילונגען, וועלכע איז איינע פון די
גרעסטע פינאנציעלע אינסטיטוציעס פון רוסלאנד.

אלע לוין-ארבייטער

זאלען זיך בעראטען מיט דער ערשטער ארבייטער-באנק וועגען אלעס, וואס
האט צו טאן מיט בייאנקינג.

צייט-דעפאזיטס, טשעק-אקאונטס, לעטערס אוו קרעדיט (אנווייזונגען) און
שיף-קארטען נאך אלע טיילען פון דער וועלט, איבערשיקונגען, א. ז. וו.

עפענט אן אקאונט היינט!

מאכט א דעפאזיט אדער טראנספערירט אייער אקאונט היינט. אלע דעפאזיטס אדער
טראנספערס, וואס וועלען געמאכט ווערען ביז׳ן 15טען דזשולייי, וועלען טראגען אינטערעסט
פון דזשולייי דעם 1טען. אינטערעסט אויף טראנספערירטע אקאונטס וועלען פאר אייך איינגע-
קאלעקטירט ווערען און צוגערעכנעט ווערען צו אייער דעפאזיט.

מעמבער פון פעדעראל ריזערוו סיסטעם
דעפאזיטארי פון דער שטאט ניו יארק
רעסורסען איבער $1,800,000.00

די אמאלגאמייטעד באנק פון ניו יארק

103 איסט 14טע סטריט

קאר. 4טע עוועניו און יוניאן סקווער. ניו יארק, נ. י.

צו די שערהאלדערס פון די קלאוק און סקוירט פרעסערס בילדינג אסס׳ן

אלע שערהאלדערס פון דער קלאוק און סקוירט פרעסערס ביל-
דינג אסאסיאיישאן ווערען אויפגעפאדערט צו קומען אין אפיס
פון דער קלאוק און סקוירט פרעסערס יוניאן, לאקאל 35, וואו
זיי וועלען צוריקקריגען דאס געלט, וואס זיי האבען איינגע-
צאהלט אויף זייערע שערס.

אין נאמען פון די קלאוק און סקוירט פרעסערס בילדינג אסס׳ן,

דזש. ברעסלאו, טרעזשורער.

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקילמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

זעכצען פאליסליים און גארדס באוואכען
די סטרייקענדע קלאוק שעפער אין קליוולאנד.
די באלעבאטים קריגען אבער ניט קיין סקעבס.

א קאנפערענץ פון אלע ניו יארקער לאקאלס
ווערט אפגעהאלטען און א שטענדיגע הילפס-
קאמיטע ווערט ערוועהלט, וואס זאל זיך אפ-
געבען מיט שאפען שטיצע פאר די קליוולאנ-
דער סטרייקערס.

• • •

די ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17 פירט
אן א פארלייענגערטען סטרייק ביי דער פירמע
פלאשבערג און גלעקעל אויף דיוויזשאן סט.
די סטרייקערס זיינען אלע די קרובים פון
דעם באס, אבער זיי האלטען זיך זעהר בראוו
און האפען דעם סטרייק צו געווינען.

• • •

די ווייסטמאכער יוניאן לאקאל 25 פירט
אן א הארטנעקיגען קאמף ביי דער מארלאן
ווייסט קא. איינער פון די באלעבאטים אי
א געוויסער מר. שאוב, א געוועזענער ביזנעס
אגענט פון דער ווייסטמאכער יוניאן.

• • •

די וויים גודס ווארקערס יוניאן גיט ארויס
א בולעטין אין אידיש, ענגליש און איטאליע-
ניש, אין וועלכען זי אגיטירט זעהר העפטיג
פאר א גענעראל סטרייק.

• • •

דריי הונדערט ליידיעס ווייסט און דרעס-
מאכער סטרייקען ביי דער פירמע לאק, מא-
נום. קא., פון 344 בלעיק עוו., בראנזוויל. די
אורזאכע פאר דיזען סטרייק איז, דאס ביי
דיזער פירמע פלעגט א מיידעל דארפען אר-
בייטען ניט ווייניגער ווי א יאהר אום זי זאל
קריגען זעקס דאלאר א וואך. די פיר מענער,
וואס ארבייטען אין דיזען שאפ, קריגען צו
12 דאלאר א וואך, בלויז פינף מיידלאך קרי-
גען צו 9 דאלאר א וואך און די איבעריגע
קריגען פון דריי ביז זיבען דאלאר א וואך.

לאקאל 62, די ווהייט־גודס וואָרקערס יוניאָן, נעמט זיך ווידער צו דער ארבייט

פון מערי גאָף.

און ווידער נעהמט די ווהייט גודס וואָרקערס יוניאָן אויף אַן אָרגאַניזיישאָן־קאַמפּיין. די לאַגע איצט אין אונזער אינדוסטריע איז אַ גאַנץ ערנסטע און אויב עס וואָלט ניט אָנגעפיהרט ווערען אונאונטערבראָכען אַן אַגיטאַציע צווישען די ניט־יוניאָן־שעפּער, קענען מיר ניט ערוואַרטען אַ באַדייטענדע פאַרבעסערונג אין דער לאַגע פון אונזערע יוניאָן־מעמבערס.

עס איז זיכער, דאָס די צושטענדע אין די ניט־יוניאָן שעפּער וועלען ניט פאַרפעהלען צו האָבען זייער ווירקונג אויף די שעפּער, וואו די יוניאָן האָט איהר קאָנטראָל. און מיר האָבען שעפּער, וואו די מיידלאַך ארבייטען נאָך אַלץ 48 און 60 שטונדען אַ וואָך. בעת די מיידלאַך אין די יוניאָן־שעפּער האָבען געקראָגען אַ ווייִדזש־העכערונג (ניט אַכטענדיג אויף דעם גאַנץ שלעכטען סיזאָן), האָבען די אַרבייטער אין די ניט־יוניאָן־שעפּער געקראָגען אַ „צוזאַג".

די באָסעס האָבען זיי צוגעזאָגט, דאָס ווען זיי וועלען ווערען ביזי, וועלען זיי געבען זיי אַ „רעיז". אין דער זעלבער צייט האַלטען די באָסעס אין איין אַדווערטייזען פאַר מעהר „הענד". די אַרבייטער זיינען אין היילען שרעק, זיי האָבען מורא צו פאַרלירען אין גאַנצען זייער אַרבייט, און זיי נעהמען פאַר גוט וואָס די באָסעס באַטען זיי נאָר אָן.

דערווייל פאַרשפּרייטען מיר אונזערע קערנער אויף אַ שטיינינגען באָדען. מיר זיינען אָבער זיכער, אַז וואו־ניט־וואו איז דער באָדען אַ פרוכטבאַרער, און דאָס די פאַרשפּרייטע קערנער וועלען פאַסען וואָרצלען און ברייננען פרוכט. מיר באַאַרבייטען גאַנץ שטאַרק דאָס פעלד פון די ניט־אָרגאַניזירטע שעפּער. דאָס פעלד איז זעהר גרויס, און אויף איהם געפינען זיך גאָר וויכטיגע שעפּער, וועלכע מיר מוזען אָרגאַניזירען, אַז די יוניאָן זאָל זיין זיכער מיט איהר עקזיסטענץ און וואַקסען.

אמת, איצט איז די צייט ניט זעהר גינסטיג פאַר אַן אָרגאַניזיישאָן קאַמפּיין, דאָך זעהר פיל קען געטאָן ווערען אין אויספלאַסטערען דעם וועג. און ווען דער ריכטיגער מאָמענט וועט קומען, וועלען אונז זעהר צונוץ קומען די געמאַכטע פאַרבאַרייטונגען.

אין דער ווהייט־גודס אינדוסטריע איז די לאַגע אַ גאַנץ געדריקטע, ווי אין אַנדערע נאָדעל־טריידס. עס איז דאָ גאַנץ וועניג אַרבייט אין די שעפּער, און די מאַנופעקטשורער באַנוצען זיך מיט דעם גאַנץ שטאַרק. זיי מאַכען עס זעהר שווער פאַר די טשערליידים און אַנדערע אַקטיווע מעמבערס אַנצוגעהן מיט זייער יוניאָן טעטיגקייט.

דער מאָנאַט דזשון האָט געבראַכט מיט זיך אויך אייניגע באַנקראָטען. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקען, דאָס די גרעסטע צאָהל באַנקראָטען זיינען פאַרגעקומען צווישען די ניט־יוניאָן־שעפּער. עס קומט אויס, אַז די אומפעהיגסטע און די שוואַכסטע אין דער ווהייט־גודס־אינדוסטריע זיינען די ניט־יוניאָן־שעפּער.

עס זיינען דאָ פילע שוועריגקייטען אין דער אָרגאַניזיישאָן־אַרבייט אין דער ווייט גודס אינדוסטריע. ערשטענס, זיינען די מעהרסטע אַרבייטער פרויען, דאַן האָבען מיר צו טאָן מיט אימיגראַנטען פון אַלע עקען וועלט. די מניעות פאַר די אָרגאַניזירונג פון דיזע פרויען זיינען: ראַסען־פאַראורטיילע, פאַרשידענע שפּראַכען און מנהגים. די מעהרסטע מיידלאַך אין דער אינדוסטריע זיינען יונג. זיי ווייזען ניט אַרויס קיין אינטערעס אין דער יוניאָן, ווייל זיי דענקען, אַז זייער פאַרבינדונג מיט דער אינדוסטריע איז נאָר פאַר אַ צייט. זיי מיינען גאָר גיך חתונה צו האָבען, זיי זיינען צימליך גלייכגילטיג און ניט טאָלעראַנט צו די קאָמיטעס פון דער יוניאָן, וועלכע צוטיילען די נויטיגע ליטעראַטור.

אויך זיינען מיר פיל געשטערט געוואָרען פון די היצען, און מיר האָבען ניט געקאָנט פאָדערען פון די מעמבערס צו העלפען דער אָרגאַניזיישאָן־קאָמיטע אין איהר אַרבייט. ניט אַכטענדיג אָבער אויף דעם אַלעם, זיינען מיר פעסט ענטשלאָסען אָנצופיהרען אַן אַגיטאַציע פאַר אַ הונדערט־פּראָצענטיגער אָרגאַניזאַציאָן אין אונזער אינדוסטריע.

דער פאַרזוך פון די מאַנופעקטשורערס צו ענטמוטיגען די מיידלאַך אין זייער יוניאָן־טעטיגקייט ווייזט זיך אַרויס אַלס אַ דורכפאַל. פאַרקערט, דאָס מאַכט אונזערע אַרבייטער נאָך מעהר ענטשלאָסען. מיר האָבען אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פאַר אונזער אָרגאַניזיישאָן־קאַמפּיין, וועלכער וועט דאַרפען באַטראַכט ווערען פון אונזערע טשערליידים און מעמבערס.

פערזענליך וועל איך טאָן אַלץ אין מיינע כוחות אום אויסצופיהרען די אָרגאַניזיישאָן־אַרבייט, אָבער איך דענק, אַז אויב דיזע אַרבייט וועט פון סאַמע אָנפאַנג ניט אַוועקגעשטעלט ווערען אויף אַ געזונטען פונדאַמענט, מיט אַ גענינגענדער צאָהל אַקטיווע מעמבערס אָנטייל צו נעהמען אין איהר, קענען מיר ניט ערוואַרטען קיין גרויסע רעזולטאַטען.

מיר פאָדערען דאַרום אויף אַלע, וועלכע פאַרשטעהען די וויכטיגקייט פון דער אָרגאַניזיישאָן־אַרבייט זיך אָנצושליסען אָן די רייהען. צי איהר אַרבייט צי ניט, צי איהר אַרבייט אַ גאַנצע וואָך, אָדער בלויז אַ פּאָר טעג אין וואָך, איהר מוזט ביישטייערען אייער חלק צו דער דאָזיגער וויכטיגער אַרבייט.

באַזונדערס פאָדערען מיר אויף אַלע אונזערע מעמבערס, וועלכע אַרבייטען אין ניט־יוניאָן שעפּער, צו רעפּאָרטען אין דער יוניאָן וועגען די צושטענדע אין זייערע שעפּער און העלפען די אָרגאַניזיישאָן־קאָמיטעס אין זייער אָנשטרענגונג צו אָרגאַניזירען זייערע שעפּער.

די מיידלאַך אין דער ווהייט־גודס אינדוסטריע האָבען גוטע אורזאַכען צו שטאָלצירען מיט דעם גייסט, וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען אין יעדען קאַמף, אָבער זייער אַרבייט איז ניט געענדיגט. עס איז ניט גענוג צו געווינען אַ געוויסע פאַרבעסערונג. די שווערסטע זאַך איז אויפצוהאַלטען דאָס, וואָס איז געוואונען געוואָרען, ביז עס וועט געמאַכט אַ ווייטערער שריט.

שוועסטער, לאָמיר אָנהאַלטען די באַגייסטערונג צו בויען אַ שטענדיגע און מעכטיגע יוניאָן. מיר האָבען ביז איצט באַוויזען, דאָס מיר קענען אָנפיהרען אַ קאַמף פאַר אַ יוניאָן אין דער אינדוסטריע. די איינציגע האָפנונג פון די אַרבייטער איז אין זייער אָרגאַניזאַציע.

נייעס פון יוניאָן העלטה סענטער

דר. רזשאַרדזש מ. פּרייס איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע קיין קאַליפאָרניע מיט נייע אידעען וועגען די פאַרשידענע דעפּאַרטמענטס פון דעם יוניאָן העלט צענטער. דער פיזיקאַ־טיעראַפּיוטיק דעפּאַרטמענט וועט פאַרגרעסערט ווערען דעם מאָנאַט מיט אַ פאָלשטענדיג נייעם באַק־אַפּאַראַט אונטער דער אויפפאַסונג פון אַ דאָקטאָר, וועלכער וועט זיין אין טשאַרדזש פון דעם אַפּאַראַט יעדען טאָג.

דער דענטאַל דעפּאַרטמענט פון דעם יוניאָן העלט צענטער וועט זיין געשלאָסען דעם גאַנצען טאָג פרייטאָג אין די מאָנאַטען דזשולײ און אויגוסט. דאָס מיינט, אַז אין די טעג פרייטאָג און זונטאָג וועט דער אַרבייטער ניט קענען געהן צום דענטיסט. מיר האַלטען דאַרום פאַר נויטיג צו דערמאָנען אונזערע אַרבייטער, אַז זיי זאָלען זיך באַנוצען מיט דעם וואָס איז איצט אַביסעל שטיל אין דער אינדוסטריע, און לאָזען זיך אונטערזוכען די ציין.

ריינקאָוט מייקערס יוניאָן לאָקאַל 20 ערב באַנייען די אַגרימענטס מיט די באַלעבאַטים פון טרייד.

(שלוס פון זייט 1.)

פען געווינען זייערע גערעכטע פאָדערונגען.

עס איז צו האָפען, אַז די מאַנופעקטשורערס וועלען אויף אַ פרידליכען וועג באַנייען דעם אַגרימענט מיט אונזער לאָקאַל, ווי זיי האָבען דאָס געטאָן ביז יעצט. און אויב עס זאָלען זיך געפינען אייניגע, וואָס וועלען זוכען אַ קאַמף מיט דער יוניאָן, וועלען זיי דאָס ז׳כער קריגען, ווייל די ריינקאָוט מאַכער האָבען אין דער פאַרגאַנגענהייט באַוויזען, אַז זיי זיינען פעהיג און גרייט צו קאָנטראָלירען די באַדינגונגען אין דער אינדוסטריע, פון וועלכער די מעמבערס פון לאָקאַל 20 דאַרפען מאַכען אַ לעבען, און דער לאָקאַל איז דאָס זיכער גרייט צו טאָן אין דער צוקונפט.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש

די מינעסאטא רעטעניש.

יעצט, נאכדעם ווי דער דינער וואס האט א קראך געגעבען פון מינעסאטא איז שטיל געווארען, האבען זיך די פאליטישע חכמים אוועקגעזעצט צו טרע־פען די מאנגים דזשאהנסאן רעטעניש.

טאקי, ווי אזוי האט דאס אין דער אמת'ן געקענט פאסירען? אט האט איהר א פעדערן־פעסטען רעפובליקאנער סטייט ווי מינעסאטא און אין פארלויף פון איינע אכט מאנאטען האט זיך דיי־זער סטייט צוויי מאל איבערגעקערט קא־פויר און ערוועהלט אנשטאט די אנ־שטענדיגע, בכבוד'יגע רעפובליקאנער קאנדידאטען, קעניאן און פרייס, נאר אזעלכע אויסגעשפראכענע ראדיקאלען ווי שיפסטעד און דזשאהנסאן. „נו", טענה'ן איינגע פון די נאר גרויסע פאליטישענס, „דאס איז געווען בלויז אן אויסדרוק פון אומצופרידענהייט. דער פארמער־לייבאר געווינס אין מינעסאטא, זאגען זיי, איז ניט געווען א זיג פון די ראדיקאלען. שלעכטע צייטען ברענגען אימער מיט פאליטישע פארדרעהעניסען, און אייב ווייץ וואלט יעצט געווען א דאלאר און א האלב א בושעל אנשטאט ווייניגער ווי א דאלאר, וואלטען דזשאהנסאן און שיפ־סטעד ניט געווען יונייטעד סטייטס סע־נאטארס." אנדערע פאליטישע „עקס־פערטען" ווידער באהויפטען אז דזשאנ־סאן איז ערוועהלט געווארען דאפיר ווייל ער איז א „ריעל פארמער", דאס הייסט, א האראפאשנער פארמער, וואס ארבייט אליין אויף זיין שטיקעל לאנד און טראגט ניט קיין ברינג־אלבערט און וויל פון זיי ניט וויסען. אלע זיינען זיי אבער איינפארשטאנען, אז אזוי שנעל ווי דער פרייז פון ווייץ, קארן און אנדערע פארם פראדוקטען וועלען ארויפשטייגען וועלען די יעצטיגע רעבעלירענדע פאר־מער צוריקקומען צו זייער אלטער פאר־טיי.

עס איז מעגליך אז צווישען דעם בארג מיט תירוצים איז פאראנען ווי ניט ווי א קערנדעל אמת. עס וואלט גע־ווען נאריש צו באהויפטען אז דאס ער־וועהלונג פון א דזשאנסאן מיינט די סא־ציאלע רעוואלוציע. די ציניקער וואס זוכען צו פארגלייכען דעם יעצטיגען פא־ליטישען אויפשטאנד אין דער נארטה־וועסט צו דעם אמאליגען פאפוליסטישען זייסענבלאז מאכען אבער אויך א טעות. די לאנדס־באוועגונג פאר אן אומאפהענ־גיגע פארמער־לייבאר פארטיי, דירעקט ענטגעגענגעזעצט צו די יעצטיגע ביידע אלטע קאפיטאליסטישע פארטייען וואקסט שנעל סיי אין צאהל אנהענגער און סיי אין דער קלארקייט פון איהרע צוועקען און אויפגאבען. דזשאנסאן און שיפסטעד וועלען אריין אין יונייטעד סטייטס סענאט אלס מיטגלידער פון א גאנץ שטארקע פאליטישע גרופע וואס איז ענטשלאסען ארויסצורייסען פון די מאנאפאליסטישע קליקעס וואס הערשען איבער'ן לאנד א היפשען חלק פון זייער קאנטראל איבער די אוצרות פון לאנד.

די פארמער־לייבאר באוועגונג האט נאך פיליכט ניט באשאפען פאר זיך א ברייטע נאציאנאלע פראגראם און א פונדאמענטאלען טעארעטישען אונטער־שלאג. אבער דיזע באוועגונג קען בשום אופן ניט באטראכט ווערען אלס א מא־מענטאנער אויסברוך וואס קומט און לויפט פארביי. דיזע באוועגונג איז טיף איינגעווארצעלט אין די נויטען פון די ארבייטענדע מאסען אין די פעקטאריס און אויף די פארמס פון אמעריקא, און ניט די לצנות פון די ציניקער אדער די אייביגע כמארע פון די פעסימיסטען קע־נען דיזען פאקט אוועקמאכען מיט'ן האנט.

ווילא'ס סוף.

פאנטשא ווילא, דער בארימטעס־טער פון אלע מעקסיקאנער באנדיטען, איז ענדליך דער'הרג'עט געווארען, צו־זאמען מיט זיינע באגלייטער לעבען דער שטעדטעל פארראל.

היינט צו טאג פארלירט די וועלט אין אלגעמיין און די ארבייטער־מאסען פון מעקסיקא ספעציעל זעהר ווייניג מיט דעם טויט פון ווילא, אבער אין די ער־שטע יאהרען פון זיין באנדיטען־קאריע־רע האט ווילא, אין זיין קאמף געגען דיאז און שפעטער געגען הוערטא, דער ערגסטער אויפגעהויבען דעם אויפשטאנד פאר די נידערגעשלאגענע, האלב־פאר־שקלאפטע „פיאנען" אויף די פארמען און אין די שטעדט פון מעקסיקא.

ווילא איז געווען אן עכטער באנ־דיט, א ברוטאלער העסליכער מענש וואס האט ניט געוואוסט פון קיין רחמנות־גע־פיהל געגען זיינע פיינד. ער פלעגט אטאקירען ביינאכט, אין דער פינסטער, און זיין טויט האט ער באגעגנט, אין דעם עכטען מעקסיקאנישען שטייגער לויט זיין איינענער מעטאדע, פון א קויל וואס איז אין איהם אריינגעשאסען גע־ווארען פון הינטערן רוקען.

אין די לעצטע עטליכע יאהר האט די באוועגונג אין מעקסיקא, אפצושאפען די פארשקלאפונג פון די ארבייטער אויף די פעלדער, גענומען אומגעהייערע פארטשריט. מעקסיקא האלט שנעל ביים ווערען די פראגרעסיווסטע שפאניש־שפרעכענדע רעפובליק אויף דעם אמע־ריקאנעם קאנטינענט. עס וואלט געווען שווער צו לייקענען אז דיזע אויפוואכונג פון די מעקסיקאנער מאסען האט, ביז צו א געוויסען גראד, צו פארדאנקען ווילא'ן וואס האט אין זיינע אינגערע יאהרען באגייסטערט די אומגליקליכע מעקסיקאנער מאסען אלס זייער באנער־טרעגער און זייער אויסלייזער.

דער שטורם אין די פיליפינא אינזלען.

דיזען מאנאט וועט מען אין די פאר־איינינגטע שטאאטען זייערן דעם 25 יעהריגען יובילעאום זינט „מיר" האבען פארנומען די פיליפינען.

די רעזיגנאציעס וואס דער גאנצער פיליפינער קאבינעט, צוזאמען מיט דעם מעיאר פון מאנילא, האבען לעצטע וואך אריינגעשיקט אלס פראטעסט געגען דער ברוטאלער אדמיניסטראציע פון דעם יעצטיגען אמעריקאנער גובערנאטאר, גע־נעראל וואוד, פאסען זיך צו אויסגעצייי־כענט צו דיזען יובילעאום. די באפעל־קערונג פון די פיליפינער אינזלען האבען אנגעפאנגען צו קעמפען פאר אן אומאפ־העננינער רעפובליק פון דעם ערשטען טאג זינט די אמעריקאנער האבען איבערגע־נומען דעם קאנטראל איבער די אינזלען. די באוועגונג פאר א פרייער פיליפינער מלוכה האט זיך איבערהויפט פאר־שטארקט אין די לעצטע עטליכע יאהר.

נו, האט די רעאקציאנערע הארדינג אדמיניסטראציע אוועקגעשיקט נאך די פיליפינען איינעם א גענעראל וואוד, אלס גובערנאטאר, א געוועזענעם „גרייסן פריינד" פון רוזוועלט'ן, מיט'ן אבזיכט צו דערשטיקען דיזען גייסט פון אומאפהענ־גיגקייט צווישען דער פיליפינער באפעל־קערונג. אלזא, גובערנאטאר וואוד מאכט דערוויילע אן אויסגעצייכנע־טען דזשאב, און יעצט האט ער אויסגעפיהרט, אז דער גאנצער קא־בינעט און אלע גרויסע באאמטע האבען אויפגעגעבען זייערע פאסטענס, אלע צוזאמען ווי איין פערזאן.

דער קאמף צווישען די פרייהייטס־קעמפער אין די פיליפינא אינזלען און די וואשינגטאנער רעאקציאנערען האט ער־וועקט אן אומגעהייערען אינטערעס איבער'ן גאנצען לאנד. נאטירליך, וועט די רעגירונג גוטהייסען אלץ וואס גענע־ראל וואוד זאל ניט טאן. די ארבייטער און די ראדיקאלע און ליבעראלע עלע־מענטען פון אמעריקא וועלען אבער, אהן צווייפעל, זיך שטעלען אויף דער זייט פון די, וואס פיהרען אונערשראקען אן א קאמף פאר אן אומאפהענגיגע פיליפינער רעפובליק.

דער קאמף פון די מאינערס.

עס שיינט אז די קאנפערענצען צווי־שען די מאינערס און די מינען בעלי־בתים צו עטאבלירען נייע וויידזש סקיילס אין די הארטע קוילען־פעלדער וועלען זיין א דורכפאל סיידען אימיצער פון דער זייט וועט זיך אריינמישען און וועט מאכען א פשרה.

דיזע וואך פאנגען זיך דיזע קאנפע־רענצען אן אויף דאס ניי, נאכדעם ווי ביידע צדדים, די פארשטעהער פון דער יוניאן און פון די קוילען־בעראנען, זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען אויף 10 טעג אום צו באראטען זיך וועגען וואס דער „עולם אין דער היים" האט צו זאגען וועגען דער לאגע. די מאינערס קערען זיך יעצט צוריק ענטשלאסען צו געווינען א העכערונג אין וויידזשעס פאר די טאג־אר־בייטער, פולע אנערקענונג פון דער יו־ניאן, די טשעק־אף סיסטעם פון דיוס־צאהלונג אין א „קלאוזד־שאפ". די בעלי־בתים, פון זייער זייט, זאגען אז מעהר וויפיל ווי זיי האבען שוין נאכגעגעבען וועט מען זיי ניט געבען.

דער הויפט קאמף אין דיזע פאר־האנדלונגען איז אהן צווייפעל דער פונקט וועגען אן אמת'ער, ריכטיגער אנערקע־נונג פון דער יוניאן. דערצו האבען די מאינערס געשטרעבט פאר די לעצטע צוואנציג יאהר און דאס וואלט פאר די יוניאן און ווארקערס געווען ניט נאר א מאראלישער זיג; עס וואלט זייער יו־ניאן אויסגעשטעלט אין א פיל שטאר־קערע פאזיציע פאר דער צוקונפט. דא־רום קען מען ערווארטען, אז וואס פאר א קאמפראמיס די מאינערס וועלען זיין בארייט צו מאכען וועגען אנדערע פונק־טען, וועלען זיי אבער ניט איינגעבען זייער הויפט־פארלאנג — א פולע און אומבאשרענקטע אנערקענונג פון דער יוניאן.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן

פרייטאג, דעם 20טען דזשולי, 1923.

צושריפטען.

לאקאל 10 אינפארמירט, דאס זיי האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון די באארד אוו דירעקטארס פון דעם 27טען דזשון און פון דזשאינט באארד פון דעם 29טען דזשון.

לאקאל 48 אפעלירט צו דעם דזש. באארד פאר שטיצע פאר די איטאליעני־שע פאמיליעס, וועמעס הייזער זיינען רואינירט געווארען א דאנק דעם וואל־קאנישען אויסברוך פון דעם בארג „עט־נא", אין איטאליען. זיי באהויפטען, אז אין זייער ארגאניזאציע געפינען זיך פילע מיטגלידער, וועמעס קרובים און פאמיליעס זיינען רואינירט געווארען.

דער צושריפט ווערט גוטגעהייסען און דער אפיס ווערט אינסטרואירט אויסצוארבייטען א פלאן ווי אזוי די געלד זאל געזאמעלט ווערען.

די „דיי נוירסערי", בנות ישראל", אינפארמירט דאס זיי זאמלען איצט א פאנד פון 10 טויזענד דאלאר פאר וועל־כען זיי ווילען איינשטעלען א „נייט נוירסערי". זיי בעטען דעם דזשאינט באארד צו שטיצען דעם פאנד.

דער צושריפט ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנס קאמיטע.

פינאנס קאמיטע באריכט.

די פינאנס קאמיטע באריכטעט, אז זי האט אויפגענומען דעם פארלאנג צו העלפען דעם זשורנאל, וועלכען די „גע־ווערקשאפטען" וועט ארויסגעבען צו איהר 35־יעהריגען יובילעאום, און זי רעקאמענדירט אז דער זשורנאל זאל גע־שטיצט ווערען מיט 100 דאלער.

די רעקאמענדאציע ווערט גוטגעהייסען.

באארד אוו דירעקטארס באריכט.

ברודער שאפירא, א געוועזענער סטרייקער פון ה. פענקין, וועלכער איז געווארען א דזשאבער, אינפארמירט דאס ה. פענקין האט איהם פארשפראכען צו געבען א דזשאב אין איינעם פון די פלעצער פון זיינע סאב־קאנטראקטארס און ביז יעצט האט ער זיין פארשפרע־כען ניט געהאלטען.

ער פארלאנגט דאס פענקין זאל גע־צוואונגען ווערען צו האלטען זיין פאר־שפרעכען.

די קיים ווערט איבערגעגעבען צו דעם אפיס, מיט דער פארשטענדיגונג, אז דער פארלאנג פון ברודער שאפירא איז א גערעכטער.

די ברידער מייגרעם און דובינסקי, מעמבערס פון לאקאל 9, אינפארמירען דאס זיי זיינען געוועזען סטרייקערס פאר דער פירמע „ס. און ל. סילווער", און לעצטע וואך האט בלויז די קאמיטע, וועלכע דער אפיס האט אנגעשטעלט צו פיקעטען דעם שאפ, געקראגען סטרייק בענעפיט. די צוויי ברידער רעכענען, אז זיי זיינען אויך בארעכטיגט צו סטרייק בענעפיט אזוי ווי די אנדערע.

דער פארלאנג פון די צוויי ברידער מייגרעם און דובינסקי ווערט צוריקגע־וויזען.

צושריפטען.

די „אנטי־פאשיסטי אליינס פון נארט אמעריקא", פארלאנגט, אז די דזשאינט באארד זאל פאר זיי ארויס־שיקען סובסקריפשאן ליסטס צווישען די קלאוקמאכער צו זאמלען געלד, מיט וועלכע צו באקעמפען די פאשיסטי באוועגונג אין די פאראייניגטע שטאאטען.

דער פארלאנג ווערט אויפגענומען און דער סעקרעטער ווערט אינסטרואירט צו ענטפערען דער ארגאניזאציע, אז די צייט איז איצט ניט גינסטיג ארויסצולאזען סובסקריפשאן ליסטס צווישען די קלאוק־מאכער.

ברודער שוסטער באריכטעט, דאס ער האט געסעטלט מיט לעווין בראדערס. דער גאנצער שאפ מיט דער אויסנאה־מע פון ברודער י. ב. איז ארויפגעגאנגען צו דער ארבייט. און אפערייטאר אין י. ב.'ס פלאץ וועט ארויפגעשיקט ווערען פון דעם אפיס.

דער אפיס האט אויך געקראגען א קאמפליינט אז די פרעסערס פון „גרייבער און וואולף" קריגען ניט ריכטיג באצאהלט פאר אווערטיים. און אונטער־זוכונג איז געמאכט געווארען און דער אפיס האט גאר ניט געקאנט דערגעהן, ווייל די פירמע האלט ניט קיין ריכטי־גע ביכער. נאך א סטאפעדזש פון צוויי טעג, האט די פירמע באצאהלט א פיין פון 150 דאלער.

ברודער שוסטער באריכטעט אויך דאס דער סטרייק געגען דער פירמע „מ. ליווי" ווערט נאך אנגעפיהרט און וועט אנגעפיהרט ווערען ביז וואנען די פירמע וועט סעטלען און וועט נאכגע־בען אלע פאדערונגען פון דער יוניאן.

ברודער שוסטער באריכטעט אויך, דאס זיין אפיס האט יוניאניזירט 43 שעפער. 18 פון זיי זיינען אריין אין דער אמעריקאן אסאסיאיישאן און די איבעריגע זיינען אינדעפענדענט שעפער.

מיט דעם ווערט די זיצונג געשלא־סען.

לואיס לאנגער, סעקרעטאר.

ווייסט איהר, אז

הערמאן סטארק, דער גרויסער אידישער ארטיסט, וואס האט געלעבט אין בערלין, האט זיך אויף שטענדיג באזעצט אין פאלעסטינא און האט געמאכט גאנץ מערקווירדיגע בילדער פון פא־לעסטינער לעבען? דזשאשוע הייסאן, דירעקטאר פון „פאלעסטיין פילגרימיידזש", שיקט צו דיזע ידיעה צו דער אידישער פרעסע אויף זיין וועג אהיים פון זיין אנפיהרען זיין צווייטען טור צו ארץ ישראל. ווייסט איהר, אז מבינים פאר־ערען רויכערען אם בעסטען מיורעד סיגארעטס, ווייל זיי ווערען געמאכט פון דעם פיינסטען הונדערט־פראצענטיגען טערקישען טאבאק?

שוואכע מענשען

וועלכע שרעקען זיך אפ פון שטארקע אפפיהר־מיטלען זאלען נעהמען

עקס־לאקס

געשמאק אין טעם ווי א טהייערער קאנפעקט

עקס־לאקס ווירקט געלאסען און נאטירליך אהן קרעמפען און שמערצען. דערפאר איז עס אזוי באליבט ביי אלעמען, קליין און גרויס.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

VOL. V. No. 30. New York, Friday, July 27, 1923.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

צוויי מיטינגען פון עקזעק. באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22

די ערשטע זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, דעם 19טען יוני, 1923, אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון ברודער מ. בלוסטיין.

די „רולס און רעגולעישאנס קאמיטע", וועלכע אז ביים אינסטאליישאן מיטינג ערוועהלט געווארען, האט אריינגעבראכט איהרע רעקאמענדאציעס ווי אזוי די געשעפטען פונ'ם עקזעקוטיוו באארד זאלען געפיהרט ווערען, און די פאלגענדע זיינען אנגענומען געווארען:

1. זיצונגען פונ'ם עקזעקוטיוו באארד זאלען אפגעהאלטען ווערען יעדען דינסטאג אווענט, און זאלען זיך אנהויבען פונקט 7.30 און זיך ענדיגען נים שפעטער ווי 11 אזייגער. בלויז אין פאלען ווען א דעבאטע איבער א געוויסען ענין פארציהט זיך, מעג דער מיטינג אנהאלטען שפעטער, אבער קיין נייע פראגען זאלען נאך דער באשטימטער צייט ניט אויפגענומען ווערען.

2. יעדער עקזעקוטיוו באארד מיטגליד מוז אנוועזענד זיין ביים „רעל קאל", וועלכער זאל געמאכט ווערען נים שפעטער ווי 7.30. די וואס וועלען פארפעהלען צו ענטפערען אויפ'ן „רעל קאל", זאלען פאררעכענט ווערען פאר אבוועזענד.

3. יעדער מעמבער, וואס וועט אהן א צופרידענשטעלענדע אורזאך אויספעהלען צוויי מיטינגען, כסדר איינעם נאכ'ן אנדערען, זאל אויסגעשלאסען ווערען פונ'ם עקזעקוטיוו באארד.

4. 9 עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער זאלען צוזאמענשטעלען א קווארום און זאלען האבען דאס רעכט צו עפענען א מיטינג און פארהאנדלען פראגען.

5. דער עקזעקוטיוו באארד זאל זיך צעטיילען אין פאלגענדע באשטענדיגע קאמיטעס:

א) פינאנץ און אפיס קאמיטע.
ב) ארגאניזאציאנס קאמיטע.
ג) מעמבערשיפ קאמיטע.
ד) גריוואנס קאמיטע.
ה) אפיל קאמיטע.
ו) סיק בענעפיט קאמיטע.

6. דער עקזעקוטיוו באארד זאל ערוועהלען זיין פארזיצענדען אלע פיער וואכען.

7. יעדע קאמיטע, וואס וועט אויסגעקליבען אדער ערוועהלט ווערען פונ'ם עקזעקוטיוו באארד, זאל האבען א סעקרעטאר און א טשערמאן ערוועהלט פון איהר אליין. די דאזיגע באאמטע זאלען זיין פאראנטווארטליך פאר די ארבייט פון דער קאמיטע. יעדע קאמיטע דארף פיהרען א פארמאלען פראטאקאל פון איהרע פארהאנדלונגען.

8. יעדער עקזעקוטיוו באארד מיטגליד מוז מיטארבייטען צום ווייניגסטענס אין איין קאמיטע.

9. מיטגלידער פון וועלכע עס איז קאמיטע, ווען זיי פארפעהלען צו קומען צו צוויי מיטינגען פון דער קאמיטע צו וועלכע זיי זיינען ערוועהלט געווארען און גיבען נים קיין צופרידענשטעלענדע אורזאכען פאר זייער אבוועזענהייט, זאלען אויסגעשלאסען ווערען פון דעם עקזעקוטיוו באארד.

די פאלגענדע מיטגלידער זיינען ערוועהלט געווארען מיטצוארבייטען אין די פארשיידענע קאמיטעס:

מעמבערשיפ קאמיטע:
יעטא דייוויס, איידא פאדושער, ה. אסאפסקי, סעם ווינער, סערע דארנער, דייוו מאראזאוו און מערי גוטערמאן.

גריוואנס קאמיטע:
סאניא טשייקין, לינא בלעקמאן, ה. אסאפסקי, לינא קליין, ראוז קונץ, סאניא בלומע, און בעלא ראטפארד.

פינאנץ און אפיס קאמיטע:
ראוז וואלקאוויץ, מאקס בלוסטיין, סערע דארנער, ראוז מירסקי און דזש. מייזענבערג.

ארגאניזאציאנס-קאמיטע:
מאלי פרידמאן, דזש. מייזענבערג, בעסי ביילין, סעם ווינער און בעלא ראטפארד.

אפיל קאמיטע:
דזש. מייזענבערג, ראוז וואלקאוויץ, מערי ראזען, מאקס בלוסטיין און מאלי פרידמאן.

סיק בענעפיט קאמיטע:
ראוז וואלקאוויץ, מאלי פרידמאן, לינא קליין, לינא בלעקמאן און י. שעהנהאלץ.

עס זיינען געמאכט געווארען וואלען פאר דעלעגאטען צו די פארשיידענע צענטראלע קערפערשאפטען און די פאלגענדע זיינען ערוויילט געווארען:

פאראייניגטע איד. געווערקשאפטען:
דייוו מאראזאוו און מערי ראזען.
סענטראל טריידס און לייבאר קאונסיל:
מאלי פרידמאן, מערי ראזען און סיידי רייך.

ברודער מאקס בלוסטיין איז איינשטימיג ערוועהלט געווארען פארזיצענדער פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פאר די קומענדיגע פיר וואכען.

די פארמער לייבאר פארטיי פון די פאראייניגטע שטאטען האט ארויסגעלאזען א רוף פאר א גרויסע פאליטישע קאנווענשאן פון די ארבייטער פון אמעריקא, וואס וועט פארקומען דעם דריטען יולי, 1923 אין שיקאגא. יעדע לאקאלע יוניאן, צענטראלע קערפערשאפט, פארמער ארגאניזאציע, נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע פאליטישע גרופע איז איינגעלאדען געווארען צו דער דאזיגער קאנווענשאן, וועמעס אויפגאבע עס איז צו פאראייניגען אויפ'ן פאליטישען געביט אלע ארבייטער, אי די וואס ארבייטען מיט די הענט, אי די, וואס ארבייטען מיט'ן מח.

דער עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען צו באטייליגען זיך אין דער קאנווענשאן און שוועסטער וואלקאוויץ איז ערוועהלט געווארען אלס דעלעגאט צו פארטרעטען אונזער ארגאניזאציע. וואס אנבאטרעפט דעם פארלאנג פון דער אביגער קערפערשאפט בייצושטייערען א ליבעראלע סומע געלט צו דעקען די אויסגאבען פון דער קאנווענשאן איז באשלאסען געווארען עס איבערצואווייזען צו דער פינאנץ-קאמיטע.

דער איטאליענישער לאקאל 89, האט אונז איינגעלאדען צו באטייליגען זיך אין דער ערעפענונג פון זייער יוניטי הויז, וואס וועט פארקומען שבת, דעם 23טען יוני. דער עקזעקוטיוו באארד האט די איינלאדונג אנגענומען און שוועסטער לינא בלעקמאן און ברודער דייוו מאראזאוו זיינען ערוועהלט געווארען אונז דארט צו פארטרעטען.

פון דעם עדוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל איז באקומען געווארען א צושריפט מיטטיילענדיג אונזער עקזעקוטיוו באארד, אז אזוי ווי דער דערמאנטער דעפארטמענט קלייבט זיך גאר אין גיכען צו רופען א געמיינשאפטליכען מיטינג פון אלע עדוקיישאנאל קאמיטעס פון די ניו יארקער לאקאלס, דארף דאריבער יעדער לאקאל ערוועהלען א באשטענדיגע עדוקיישאנאל קאמיטע פון דריי מיטגלידער. דער עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען דעם דאזיגען צושריפט איבערצואווייזען צו דער ארגאניזאציאנס-קאמיטע און איהר אינסטרואירט אזא קאמיטע צו ערוועהלען.

ברודער שעהנהאלץ האט נעצווינגען די אויפמערקזאמקייט פונ'ם עקזעקוטיוו באארד צו דעם פאקט, אז אין איינקלאנג מיט די רעקאמענדאציעס פונ'ם אלטען עקזעקוטיוו באארד און די גוטהייסונג פון דער מיטגלידערשאפט, דארפען ביזנעס איידזשענטס אנגעשטעלט ווערען פון די עקזעקוטיוו באארד און גוטגעהייסען ווערען פון די מעמבערס. עס איז דאריבער נויטיג צו ערוועהלען א קאמיטע נאכצוזוכען פאסענדע מענשען פאר די דאזיגע עמטער און אריינברענגען איהרע רעקאמענדאציעס צום עקזעקוטיוו באארד. א קאמיטע פון די ברידער בלוסטיין, מייזענבערג, מאראזאוו און די שוועסטער וואלקאוויץ און טשייקין זיינען פאר דעם צוועק ערוועהלט געווארען.

דער פינאנץ קאמיטע באריכט, פונ'ם מיטינג אין וועלכען די אלטע פינאנץ-קאמיטע האט זיך נאך באטייליגט און וועלכער איז געהאלטען געווארען דעם 14טען יוני, איז פארהאנדעלט און גוטגעהייסען געווארען.

אין פארבינדונג מיט דעם אביגען באריכט האט שוועסטער וואלקאוויץ אויפמערקזאם געמאכט דעם עקזעקוטיוו באארד, אז א קראנקער מיטגליד פון אונזער יוניאן, וועמען מיר האבען שוין געשטיצט מיט איבער הונדערט דאלאר איז נאך אלץ קראנק און קאן נים געהן ארבייטען. דער עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען צו ערוועהלען א קאמיטע פון דריי, וועלכע זאל באטראכטען א פלאן ווי אזוי צו שאפען געלט כדי צו העלפען דעם מעמבער ביז ער וועט געזונט ווערען. אין דער קאמיטע זיינען אריין די שוועסטער קונץ, פרידמאן און מערי ראזען. עס איז ווייטער באשלאסען געווארען, אז די יוניאן זאל דערווייל פאר'ן מעמבער אויסלייגען 50 דאלאר.

נאכדעם ווי דער דזשאינט באארד באריכט פון 6טען יוני איז אויפגענומען געווארען, האט זיך אנטוויקעלט א לעבעדיגע דעבאטע ארום א פראגע אין דעם דערמאנטען באריכט, וואס באציהט זיך אויף א געוויסען שאפ נעגען וועלכען די יוניאן פירט אן א סטרייק.

נאך א דויערנדיגע דיסקוסיע איז דער באריכט גוטגעהייסען געווארען און אונזערע דעלעגאטען צום דזשאינט באארד זיינען אינסטרואירט געווארען צו זארגען, אז דער לעצטער זאל נעהמען די נויטיגע שריט צו ברענגען דעם סטרייק צו אן ערפאלגרייכען סוף.

שוועסטער וואלקאוויץ האט באריכטעט פאר דער קאמיטע, וואס איז מיט א צייט צוריק ערוועהלט געווארען צו זוכען א נייע הויז פאר אונזער יוניאן. זי האט ערקלערט, אז די קאמיטע האט באטראכט א הויז, וועלכע וואלט זיך געפאסט פאר אונזער ארגאניזאציע און זי האט דאריבער פארלאנגט, אז דער עקזעקוטיוו באארד זאל אינפארמירען דער קאמיטע וואס ווייטער צו טאן.

אזוי ווי די אלטע קאמיטע פונ'ם לעצטען עקזעקוטיוו באארד איז באקאנט און ווייסט אלץ וועגען דעם ענין, איז באשלאסען געווארען איהר איבערצוגעבען די פולמאכט צו קויפען א הויז און די ברידער בלוסטיין און מאראזאוו זאלען צוגעזעצט ווערען צו דער קאמיטע און די קאמיטע זאל צום נעקסטען מיטינג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד אריינברענגען איהרע רעקאמענדאציעס.

⁂

א זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, דעם 26טען יוני אין 16 וועסט 21טע סטריט אונטער דעם פארזיץ פון ברודער מ. בלוסטיין.

פארשיידענע קאמיטעס האבען זיך געווענדעט צום עקזעקוטיוו באארד און דער לעצטער האט אויסגעהערט און באטראכט זייערע פארלאנגען און איבער זיי געהאנדעלט. צווישען די קאמיטעס איז געווען איינע פון ל. ס. ראזענבלאט, וועלכע האט פארלאנגט שטיצע פאר א קראנקען ארבייטער פון זייער שאפ. שוועסטער וואלקאוויץ, א מעמבער פון דער פינאנץ קאמיטע האט אין פארבינדונג מיט'ן פארלאנג ערקלערט, אז די פינאנץ קאמיטע האט שוין וועגען דעם פארלאנג געהאנדעלט און דעם דערמאנטען ארבייטער געשטיצט מיט 25 דאלאר.

די באריכטען פון פארשיידענע נייערוועהלטע באשטענדיגע קאמיטעס זיינען אויפגענומען געווארען.

ביי די ערשטע זיצונגען פון די דאזיגע קאמיטעס ווערען אימער די לעצטע ארגאניזירט מיט דעם, וואס יעדע קאמיטע ערוועהלט א טשערמאן און א סעקרעטאר און ארבייטען אויס איינצלהייטען ווי אזוי אנצוגעהן מיט זייער ארבייט.

די מעמבערשיפ קאמיטע האט אריינגעבראכט דעם באריכט פון איהר ערשטען מיטינג, וועלכען זי האט געהאט דעם 25טען יוני.

ביי דעם מיטינג זיינען געמאכט געווארען וואלען פאר א שטענדיגען סעקרעטאר און טשערמאן פון דער קאמיטע. ברודער ד. מאראזאוו איז ערוועהלט געווארען טשערמאן און שוועסטער סערע דארנער, סעקרעטאר.

עס איז באשלאסען געווארען, אז דערווייל זאל די קאמיטע האבען איהרע זיצונגען איינמאל אין וואך, יעדען מאנטאג נאכמיטאג. וועט אבער די קאמיטע געפינען פאר נויטיג צו האבען צוויי זיצונגען א וואך, וועט זי דאמאלט באשטימען אין וועלכען טאג דער צווייטער מיטינג זאל זיין. ארום 50 אפליקאנטען האבען ביי דעם מיטינג זיך געווענדעט צו דער קאמיטע.

די גריוואנס קאמיטע האט אריינגעבראכט איהר באריכט פון דעם ערשטען מיטינג, וואס זי האט געהאט דעם 20טען יוני.

וואלען פאר א שטענדיגען טשערמאן און סעקרעטאר פון דער קאמיטע זיינען ביים מיטינג געמאכט געווארען און די פאלגענדע זיינען ערקלעהרט געווארען פאר ערוועהלט: שוועסטער סאניא טשייקין, טשערמאן און בעלא ראטפארד, סעקרעטאר. עס איז באשלאסען געווארען, אז די קאמיטע זאל האבען איהרע מיטינגען יעדען מאנטאג אווענט און די זיצונגען זאלען זיך אנהויבען נים שפעטער ווי 6 אזייגער. ביים מיטינג זיינען אויך פילע קלאגען געגען מעמבערס אויסגעהערט און פארהאנדעלט געווארען.

די פינאנץ און אפיס קאמיטע האט אריינגעבראכט דעם באריכט פון איהר ערשטען מיטינג, וועלכען זי האט אפגעהאלטען דעם 28טען יוני.

ברודער מאקס בלוסטיין איז ערוועהלט געווארען שטענדיגער טשערמאן פון דער קאמיטע און שוועסטער ראוז מירסקי, סעקרעטאר. די קאמיטע האט אויפגענומען און געהאנדעלט איבער די פארלאנגען פון די פארשידענע קאמיטעס, וואס האבען זיך צו איהר געווענדעט און פילע פון זיי געשטיצט מיט ליבעראלע סומען געלט.

די אלע דערמאנטע באריכטען זיינען גוטגעהייסען געווארען.

די ארגאניזאציאנס קאמיטע האט אריינגעבראכט איהר ערשטען באריכט פון דעם מיטינג, וואס זי האט געהאט מאנטאג דעם 25טען יוני. פאר א שטענדיגען טשערמאן פון דער קאמיטע איז אויסגעקליבען געווארען שוועסטער מאלי פרידמאן און פאר סעקרעטאר, שוועסטער בעלא ראטפארד.

עס איז באשלאסען געווארען, אז די קאמיטע זאל האבען איהרע זיצונגען איינמאל אין צוויי וואכען, דאנערשטאג נאך דער ארבייט.

די פאלגענדע רעקאמענדאציעס פון דער קאמיטע זיינען אנגענומען געווארען:

1. כדי צו פאראינטערעסירען די גרויסע צאהל מיטגלידער אין דער ארבייט און טעטיגקייט פון דער יוניאן, זאל יעדער מעמבער מוזען צום ווייניגסטענס איינמאל אין דריי מאנאטען קומען צו א מעמבער מיטינג. ביי די מיטינגען זאלען די יוניאן ביכלאך פון די אנוועזענדע געסטעמפט ווערען. דאס וועט אונז געבען א מעגליכקייט צו קאנטראלירען און וויסען וועלכער מעמבער איז יא געווען ביים מיטינג און וועלכער נים.

2. די מיטגלידער פון דער ארגאניזאציאנס-קאמיטע זאלען מוזען אנוועזענד זיין ביי די מיטינגען, וועלכע די יוניאן וועט רופען און אכטונג געבען, אז די דאזיגע מיטינגען זאלען געפירט ווערען ווי עס באדארף צו זיין. פינף מיטגלידער פון יעדען ברענטש זאלען צוגעזעצט ווערען צו דער ארגאניזאציאנס-קאמיטע.

3. כדי די מיטינגען זאלען גום באזוכט ווערען איז באשלאסען געווארען צו באשטימען געוויסע טעג פאר מיטינגען. אזוי, אז דאס וועט געבען א מעגליכקייט די מיטגלידער צו וויסען אין פאראויס ווען די יוניאן מיטינגען ווערען אפגעהאלטען.

4. ברענטש מיטינגען זאלען גערופען ווערען איינמאל אין מאנאט, און זאלען אפגעהאלטען ווערען יעדען צווייטען דאנערשטאג פון מאנאט.

5. א גענעראל מעמבער מיטינג זאל אפגעהאלטען ווערען דאנערשטאג, דעם 12טען יולי, 7.30 אין אווענט.

דער עקזעקוטיוו באארד האט אויך גוטגעהייסען די ערוועהלונג פון די שוועסטער בעסי ביילין, מאלי פרידמאן און בעלא ראטפארד, וועלכע זיינען פון דער ארגאניזאציאנס קאמיטע אויסגעקליבען געווארען צו באטייליגען זיך אין דעם געמיינשאפטליכען מיטינג פון די ניו יארקער לאקאל עדוקיישאנאל קאמיטעס, וואס דער עדוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל רופט איין.

די קאמיטע, וועלכע איז ביים לעצטען מיטינג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד ערוועהלט געווארען צו קריגען פאסיגע מענשען פאר ביזנעס איידזשענטס, האט באריכטעט, אז זי האט געהאט א מיטינג, דאנערשטאג, דעם 22טען יוני. נאך א געהעריגע באטראכטונג ווי אזוי צו פאראינטערעסירען די מעמבערס, אז זיי זאלען העלפען אויסקלייבען די פעהיגסטע מענשען פאר ביזנעס איידזשענטס, האט זי באשלאסען צו אדווערטייזען אין דער פרעסע און אפעלירען צו די טשערלייט צו רעקאמענדירען פעהיגע מענשען פאר דעם דאזיגען אמט.

אין פארבינדונג מיט דעם באריכט האט די קאמיטע ערקלעהרט, אז זי האט אויסגעקליבען א סוב-קאמיטע פון די ברידער בלוסטיין, שעהנהאלץ און שוועסטער וואלקאוויץ, וועלכע וועט צום סוף פון דער וואך צוזאמען מיט די מענעדזשערס פון דעם דזשאינט באארד באטראכטען די אפליקיישאנס פון יעדען קאנדידאט באזונדער און אריינברענגען איהרע רעקאמענדאציעס צום נעקסטען מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד.

דער באריכט איז גוטגעהייסען געווארען.

ברודער אב. באראף, גענעראל סעקרעטאר פון דער אינטערנעשאנאל האט אונז צוגעשיקט א קאפיע פון א בריף, וועלכען ער האט געשיקט צום דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

אין בריף ווערט איבערגעגעבען, אז דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט ביי זיין לעצטען פערטעל יעהרליכען מיטינג אין ניו יארק באשטעטיגט זיינעם א פריהערדיגען באשלוס צו טראנספערירען אלע דרעסמאכער פון לאקאל 23 צו לאקאל 22. דער באארד האט אויך באשלאסען, אז דער ניי-פאראייניגטער לאקאל אזוי גוט ווי די דער איטאליענישער לאקאל 89 זאלען זיך אנשליסען אן דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד. אין ענליכען באשלוס האט דער באארד אנגענומען בנוגע דעם דרעס פרעסערס לאקאל 60. דער לעצטער זאל זיך אויפלעזען און זיינע מיטגלידער זאלען זיך אנשליסען אן דעם קלאוקמאכער פרעסער לאקאל 35, וואס וועט זיי אויטאמאטיש שטעלען אונטער דעם קאנטראל פון דעם קלאוק-מאכער דזשאינט באארד. ווייטער ווערט אין דעם בריף קלאר געמאכט די מאטיווען — וועלכע זיינען גום באקאנט צו אונזערע מעמבערס — וואס האבען באוואויגען דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד אנצונעמען די דערמאנטע באשלוסען.

אין א צווייטען צושריפט אונטערגעשריבען פון ברודער לעפקאוויץ, טשער-

(שלוס אויף זייט 14.)

די פאליטישע און סאציאלע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאאטען

פון דר. ה. י. קארמען.

(דער אוטליין פון א לעקטשור קורס וואס איז דעם סיזאן געגעבען געווארען אין אונזער אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט.)

לעסאן נומער 15. — די אויסנוצונג פון די נאטירליכע רייכטימער אין א האלבען יאהר הונדערט.

I. די וויכטיגקייט פון דעם פראבלעם.

1. אונזער געשיכטע פון דער סאציאלער און עקאנאמישער ענטוויקלונג פון די פאראייניגטע שטאאטען זינט דעם בירגער-קריג וואלט נים געווען קאמפליט, ווען מיר זאלען אויך נים באטראכטען אויף וועלכען אופן עס זיינען אויסגענוצט געווארען, אדער בעסער געזאגט, עקספלואטירט געווארען, די נאטירליכע רייכטימער אין דעם לאנד. אלס רעזולטאט פון דער מלחמה, ווי מיר האבען שוין פריהער באמערקט, איז דאס לאנד געווארען א לאנד פאר'ן ביזנעס מאן. די מאנופעקטור האט זיך פארשפרייט איבער אלע טיילען פון דעם לאנד און די ביזנעסלייט זיינען אלץ מעהר און מעהר געווארען די הערשער פונ'ם לאנד. אום וואס מעהר צו ענטוויקלען די אינדוסטריע כדי ארויסצובאקומען פאר זיך אלץ מעהר פראפיט האבען די ביזנעס לייט:
א. פארגרעסערט זייערע פאבריקען,
ב. אויסגענוצט אי די נאטירליכע רייכטימער, אי די מענשליכע כוחות,
ג. מיט דער הילף פון די ענטוויקעלטע טראנספארט מיטלען, און שפעטער-צו אויך דורך אימפעריאליסטישע אונטערנעהמונגען, האט מען זיך גענומען איינשאפען נייע מארקעטס.
ד. געזוכט צו קאנטראלירען די רעגירונג

2. מיט הונדערט יאהר צוריק האט אמעריקא געהאט די רייכסטע נאטירליכע רייכטימער אין דער וועלט. די וועלדער, מינעראלען און וואסערען האבען געדארפט בעלאנגען צום שטאאט, פאר דעם בענעפיט פון גאנצען פאלק. אבער אנשטאט דעם איז אנגעהאלטען געווארען א פאליסי פון פריוואט-געשעפט, אונטער'ן אויסרייד, אז דאס וועט ברייגען פראספעריטי פאר אלעמען.

3. פון 1865 ביז 1900, פונקט אין דער צייט ווען די גרויסע פריוואט-קארפאריישאנס האבען זיך גענומען פארמירען, האבען אונזערע נאטירליכע רייכטימער זיך ארויסגערוקט פון די רעגירונגס-הענד.
א. די מעהרסטע פון אונזער וואסער-קראפט איז אריינגעפאלען אין די הענד פון פריוואט-מענשען.
ב. אונזערע אייזען-פעלדער זיינען געווארען דאס אייגענטום פון שטאל-טראסט, מיט אנדריו קארנעגי אלס זיין הויפט באלעבאס.
ג. אונזערע אויל-פעלדער זיינען ארונטער אונטער'ן קאנטראל פון די „סטענדארד אויל קאמפאני".

4. מיט איין ווארט, אמעריקא, אלס א נאציאן, האט פארלארען פון איהר באזיץ אלע נאטירליכע רייכטימער.

5. אפילו ווען מען זאל אננעהמען די קאפיטאליסטישע פילאזאפיע פון „יעדער פאר זיך", בלייבט נאך אלץ א סך צו קריטיקירען, ווייל די וואס האבען איבערגענומען די רייכטימער פון לאנד, האבען נים אייביג זיי גום פארוואלטעט. אין אלגעמיין האבען זיי דאס אלץ אויסגענוצט נאר פאר זייער אייגענעם נוצען. די געשיכטע פון די פופציג יאהר נאכ'ן בירגער-קריג האט גאר א סך צו דערצעהלען פון דעם רויב, און די פארניכטונגס-ארבייט וואס איז אנגעגאנגען אויף דעם געביט.

II. אונזערע נאטירליכע רייכטימער.

1. לאנד איז אונזער הויפט נאטירליכע רייכטום. פונ'ם לאנד באקומען מיר דאס גרעסטע טייל שפייז, מאטעריאל פאר קליידער און האלץ. אויפ'ן לאנד בויען מיר אונזערע היימען, מאכען וועגען, אייזענבאהנען, בויען פאבריקען און נאך אנדערע ביזנעס אונטערנעהמונגען.
א. צום שטאאט האט בעלאנגט א סך לאנד אין 1865, כאטש שוין פריהער איז א סך פונ'ם לאנד אוועקגעגעבען געווארען.
ב. די לאנד-סיסטעם אין די פאראייניגטע שטאאטען איז געווען אזא, דאס עס האט מעגליך געמאכט פאר ספעקולאנטען און לאנד-פארכאפער צו באקומען א קאנטראל אויף די נאטירליכע רייכטימער. אט די פאליסי האט זיך אייגענטליך אנגעפאנגען ארום 1789 און עס האלט נאך אן ביז'ן היינטיגען טאג.
ג. אין די לעצטע יאהרען האט די רעגירונג געמאכט א שטיקעל פראגרעס, אפנעהמענדיג צוריק מאנכע שטיקער לאנד וואס איז נים גענוצט געווארען. מען האט ארויסגעטריקענט זומפען און מען האט באוואסערט ווילדערנישען, אזוי נאך מאכענדיג מען זאל קאנען דאס לאנד באנוצען.

2. וואסער.
א. עס איז נויטיג פאר פלאנצונגען און פאר'ן לעבען פון חיות.
ב. קאן אויסגענוצט ווערען פאר וואסער-קראפט, וואס איז זעהר וויכטיג פאר:
1. ארויסצובאקומען עלעקטריציטעט.
2. פאר מאנופעקטור-צוועקען.
3. און אלס א סאבסטיטוט פאר מאנכע מינעראלען.
ג. היינט זוכען פריוואט-קארפאריישאנס צו באקומען אן אבסאלוטען קאנטראל איבער'ן וואסער-קראפט פון די פאראייניגטע שטאאטען.

3. וועלדער.
א. אונזערע וועלדער, ווי אונזערע אנדערע נאטירליכע רייכטימער, זיינען געווארען, און ווערען נאך היינט אויסגענוצט פון פריוואט-קאפיטאל. און באזונדערס זיינען זיי שטארק פארנאכלעסיגט געווארען, און מען לאזט זיי פארדארבען דורך:
1. אויסהאקען.
2. גרויסע שטרעקען ווערען פארברענט דורך די וואלד-פייערען.
3. דורך דעם וואס מען לאזט אין די וועלדער זיך פארשפרייטען די פארדארבענדע אינסעקטען.
ב. א נאהנטע שייכות עקזיסטירט, און זאל עקזיסטירען צווישען די וועלדער, וואלד-פראדוקטען און מענשען, פאר די פאלגענדע אורזאכען:
1. מען דארף דאס האלץ פאר בויאונג-צוועקען.
2. מען דארף דאס האלץ פאר באהייצונג, פאר מעבעל, געצייג און וועגענער.
3. מען באנוצט עס פאר מאכען דרוק-פאפיר (און דאס איז גאנץ וויכטיג.)
4. עס רעגולירט דעם וואסער-סופליי, עס שטעלט אפ די ווינטען און מאדיפיצירט די טעמפעראטור.
5. עס איז די היים פאר פויגעל און חיות.
6. איז זעהר ניצליך פאר א פלאץ וואו מענשען קענען רוהען און זיך אפפרישען.
7. עס גיט צו שעהנקייט צום לאנד.
ג. די פאליסי פון די פאראייניגטע שטאאטען אין בעצוג די וועלדער איז געווען זעהר שוואך. „עס איז א געשיכטע פון נאכלעסיגקייט און פארניכטונג פון די פראכטפולע וועלדער, און פון דעם רויב און פארכאפונג פון טייערע שטרעקעס לאנד, דורך פריוואט-קאפיטאליסטען, — א פאליסי, וואס קיין ערליכער מענש קאן נים גערעכטפערטיגען אדער פארטיידיגען.

4. אין די לעצטע צוואנציג יאהר האט זיך פארמירט א באדייטענדע באוועגונג זיך צו נעהמען איינהאלטען די נאטירליכע רייכטימער, נים צו לאזען פארדארבען ווי ביז יעצט, און די באוועגונג האט א שטיקעל ערפאלג.
א. די באוועגונג איז שטארק באקעמפט געווארען פון די קאפיטאליסטען וואס קאנטראלירען די נאטירליכע רייכטימער.

5. די איצטיגע סיטואציע און די פאליסי פאר דער צוקונפט.
א. די נאטירליכע רייכטימער וואס מיר האבען נאך זאלען אנגעהאלטען ווערען פון דער געזעלשאפט, פאר דער געזעלשאפט. אנשטאט פאר פריוואט-אינטערעסען זאל עס זיין פאר די אינטערעסען פון גאנצען פאלק.

וואס הערט זיך אין שיקאגא, ביי לאקאל 5?

לעווענדיג אין דער „גערעכטיגקייט" די באריכטען פון די לאקאלס אין פארשיידענע שטעדט, וואו מ'מאכט קלאוקס, האב איך דערפיהלט א רושעלאס, וואדום איז פון שיקאגא גארנים צו הערען? מ'וואלט געקענט רעדען, אז אין שיקאגא איז אלעס גוט און וואויל. אין דער אמת'ן קענען מיר זיך מעסטען מיט אייך אין „אנגעוועהטאגטע פראגען".

אט, צום ביישפיל, די שטענדיגע פראגע: וואו נעהמט מען באנדעלס? וואו נעהמט מען ארביים צו מאכען א לעבען ביי יעצטיגען יקרות? אלעס שטייגט, רענט שטייגט, און קיין ארביים איז נישט. און די פראבלעם ווי איינצוהאלטען די ווידזשעס פון אונזערע קלאוק מאכער, וועלכע די בעלי-בתים, אויסנוצענדיג די שלעכטע צייט אין טרייד, טרייען אלץ קלענער צו מאכען — אט די פראגע האט שוין אויך אוועקגענומען ביי אונז א היבש ביסעל צייט, און קיין לייזונג איז נאך נישט.

דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 5, דער אפרייטארס לאקאל, האט דורכגעפיהרט א רעדזשיסטריישאן פון די מעמבערס אום אויסצוגעפינען ווי האלט דאס מיט די פארדינסטען פון די אפרייטארס. צו יעדען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד פלעגען עטליכע שעפער מיט שאפ טשערמען ערשיינען, וואו די ווידזשעס פון די ארבייטער און אנדערע קאנדישאנס זיינען רעדזשיסטרירט געווארען. און דאס וואס מיר האבען אויסגעפונען גיט אונז גענוג מאטעריאל נאכצודענקען...

אלזא, ווי איהר זעהט, האבען מיר זיך גארנים וואס צו שעהמען נעגען די אנדערע לאקאלס.

* * *

אונזערע מיטינגען זיינען פאר דער לעצטער צייט — נים אכטענדיג אויף די גרויסע היצען וואס מיר האבען געהאט אין דער „שטאדט פון ווינטען" — געווען גום באזוכט. ס'קען זיין, אז די מעמבערס זיינען געקומען צום באוואוסטזיין, אז צו פארבעסערען די לאגע דארף מען פארשטארקען די ארגאניזאציע, און דאס מיינט נעהמען אן אנטייל אין דער ארבייט פון דער יוניאן און קומען צו די מיטינגען. עס קען אויך זיין, אז די מעמבערס קומען צו די מיטינגען צוליב דעם דאלאר שטראף, וועלכען זיי וואלטען געדארפט באצאהלען פאר נים אטענדען א מיטינג איין מאל אין מאנאט. יעדענפאלס, די מיטינגען זיינען בעסער באזוכט, און דאס איז א פרעהליכע ערשיינונג אין אונזער יוניאן.

לאקאל 5 איז נאך-וואס פארטיג געווארען מיט זיין עלעקשאן פון אפיסערס, ווי א טשערמאן און סעקרעטער און עקזעקוטיוו און דזשאינט באארד דעלעגאטען און צו די שטאדטישע סענטראל ארבייטער ארגאניזאציעס. נים קוקענדיג אויף די סלעק און היץ, וואס הערשט אין שטאדט, האבען זיך א גרויסע טייל מעמבערס באטייליגט אין עלעקשאן. די עלעקשאן איז פארגעקומען שטיל, אהן טומעל, אהן קאמפיינס אדער זייטיגע אישוס. פאר טשערמאן פון לאקאל איז ווידער ערוועהלט געווארען מ. נאוואק; פאר סעק. מאריס גאלדשטיין, און אלס דעלעגאטען צו די אנדערע קערפערשאפטען, ווי צו דער עקז. און דזש. באארדס, זיינען ערוועהלט געווארען עטליכע נייע, אבער נים איינגאנצען נייע פאר די מעמבערס; זיי זיינען שוין אמאל געווען אין יענע קערפערשאפטען, זיינען צוריקגעשטאנען פאר א ווייל און ווידער געקומען צו ווערען אקטיוו אין דער יוניאן.

* * *

מיר האבען דורכגעפיהרט א גרויסארטיגען אינסטאליישאן-אווענד אין א גרויסען האל אין לייבאר-לייסעאום, וואו א גרויסע צאהל מעמבערס מיט זייערע פאמיליען האבען פיין פארבראכט אין רוחניות און גשמיות, מיט מוזיק, געזאנג פון גוטע ארטיסטען, און עס איז אויך סערווירט געווארען רעפרעשמענטס.

ברודער ביאליס, דער מענעדזשער פון דזשאינט באארד, האט אינסטאלירט די אפיסערס, האט זיי אנגעזאגט אויף די גרויסע ארביים, וואס שטעהט זיי פאר.

און יעצט, פארטיג ווערענדיג מיט דער אינסטאליישאן, זיינען מיר „רעדי" פאר דער ארביים. און ארביים וועט זיין גענוג. האבענדיג דעם רעקארד-בוך פאר מיינע אויגען, זעהען מיר, אז פאר דער לעצטער עקזעקוטיוו באארד זיינען פארגעקומען קנאפע 200 איינצעלנע קייסעס פון מעמבערס, וועלכע זיינען געקומען צו זייער עקזעקוטיוו צו זוכען אן ענטפער. עס זיינען געווען קאמפליינטס פון מעמבערס, וועלכע ווערען דיסקרימינייטעד פון בעל-הבית; קאמפליינטס פון מעמבערס געגען מעמבערס. און אויף יעדער קייס האט דער עקזעקוטיוו באארד געמוזט געבען אן ענטפער — אויסער די 60 גאנצע שעפער, אין וועלכע די עקזעקוטיווע האט געדארפט אויסגעפינען די קאנדישאנס, און אויסער די אלגעמיינע טרייד-פראגען וועלכע ווערען פארהאנדעלט ביי יעדען מיטינג.

* * *

לעצטען שבת האבען מיר געהאט א גאסט. דאס איז פרעז. זיגמאן. מיר האבען געהאט א מיטינג פון דזשאינט און עקזעקוטיוו באארדס פון אלע לאקאלען, וואו פרעזידענט זיגמאן און וויים פרעזידענט פערלשטיין האבען גערעדט וועגען טרייד-פראגען. זיגמאן האט ערקלעהרט געוויסע וויכטיגע פלענער, וואס די אינטערנעשאנאל האלט אין אויסארביימען און, ווי ער האט ערקלעהרט, וועט דאס זיין א פונדאמענטאלע פארבעסערונג אין טרייד.

„ביי דהי וויי", לאמיר דערמאנען, אז פרעזידענט זיגמאן האט אין שיקאגא געקראגען א פיינע אויפנאהמע. גלייך ווי ער איז געקומען האט ער געקראגען אן „איינלאדונג" צו קומען אין קאורט וועגען א הירינג איבער אן אינדזשאנקשאן, וואס א דרעס מאנופעקטשורער פארלאנגט.

* * *

אין שיקאגא פיהרען מיר אן א קעמפיין, מים וויים פרעז. פערלשטיין אן דער שפיצע, צו ארגאניזירען די דרעסמאכער, וועלכע ארבייטען פאר קלענליכע ווידזשעס און אונטער טיראנישע באדינגונגען.

דער קעמפיין ווערט גאנץ לעבעדיג, און ווי מ'קען זעהן, האבען די בעלי-בתים שוין דערפיהלט דעם ווערהטאג אין די ביינער און זיי כאפען זיך צו דער לעצטער וואפע — צום אינדזשאנקשאן. עס העלפען זיי שוין נים די בויאנעס, וואס זיי האבען לעבען די שעפער, און דער אינדזשאנקשאן, אויב זיי וועלען איהם שוין קריגען, וועט זיי אויך נים העלפען. דער דרעס-טרייד וועט ארגאניזירט ווערען.

מאריס גאלדשטיין,
סעקרעטער פון לאקאל 5.

וואס טוט די „דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל"?

פון מ. י. אשפיז
(מענעדזשער פון לאקאל 82)

די אקטיווע טוער אין אונזער יוניאן טראכטען יעצט אין קלעהרען, ווי אזוי צו באקעמפען די מגפה פון סקעב- און קארפאריישאן-שעפער אין דער פרויען-קליידער אינדוסטריע. איך זאג מגפה, ווייל אין קליינע צאהלען זיינען אזעלכע שעפער געווען אויך אין פריהערדיגע יאהרען, אבער לעצטענס האבען זיי ווירקליך אנגענומען דעם כאראקטער פון א מגפה. זינט די דזשאבערס האבען גענומען איבערשטייגען, אין צאהל און אין ביזנעס, די צאהל מאנופעקטשורערס, שטעהען מיר פאר א געפאהר, וואס אויב זי זאל ניט באזייטיגט ווערען אין דער נאהענטער צוקונפט, וועט עס אונטערגראבען דעם גאנצען בנין פון אונזער יוניאן. ביי דיזער געלעגענהייט וויל איך שטעלען די פראגע: וואס טוט אונזער „דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל"?

איך ווייס ניט וואס מאנכע וועלען וועגען דיזער פראגע טראכטען. עס איז אבער מיין מיינונג, אז ווען די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל זאל האבען א באשטימטען אויסגעארבייטען סטענדארד פון א סאניטארען שאפ, און זאל ענערגיש אנפיהרען א קעמפיין פאר אזעלכע סאניטארע שעפער, וואלט אם ווענינגסטענס 50 פראצענט פון דער מגפה פארשוואונדען אין א גאנץ קורצער צייט, און האבענדיג געבליבען מיט א קלענערער צאהל, וואלט פאר דער יוניאן לייכטער געווען מיט דער געפאהר זיך צו ספראווען. צוערשט א פאר ווערטער וועגען דער געשיכטע פון דער איבען-דערמאנטער אינסטיטוציע.

די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל איז געשאפען געווארען דורך דעם „פראטאקאל" פון 1910. די אינסטיטוציע איז געגרינדעט געווארען אויף א שותפות'דיגען באזיס — פון דער יוניאן מיט דער מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסאסיאיישאן. דער ציל פון דיזער קערפערשאפט האט געזאלט זיין צו זעהן, אז די אלטע שעפער וואס זיינען אהן ליכט און אהן לופט, וואס זיינען נעסטען פון מיקראבען און וועלכע האבען געהאט צו פארדאנקען זייער עקזיסטענץ דעם פאקט, וואס ביז 1910 איז ניט געווען קיין שטארקע יוניאן, זאלען ביסלאכוויז אפגעשאפט ווערען און זאל זיין א זאך דער פארגאנגענהייט.

מיר האבען געדענקט, אז פונקט ווי עס איז וויכטיג פאר א יוניאן צו קעמפען כדי צו מאכען דעם היינט בעסער ווי דעם נעכטען און דעם מארגען בעסער פון דעם היינט, אין באצוג צו שטונדען, שכירות און אלגעמיינע באהאנדלונג, אזוי איז אויך נויטיג אז דיזער כלל זאל אנגעווענדעט ווערען אין באצוג צו סאניטארע שעפער. דערפאר האבען מיר אויף דיזער אינסטיטושאן געלעגט גרויסע האפנונגען. די ערשטע יאהרען, נאך 1910, איז זעהר פיל צייט און געלד אויסגעגעבען געווארען פון אונזער יוניאן פאר דעם צוועק צו קענען מאכען דיזע אינסטיטושאן מעהר ווירקזאם. אין 1913 איז זאגאר א ספעציעלע קאנווענשאן גערופען געווארען אין יאנקערס פאר דעם צוועק גוטצוהייסען א סאניטארי לייבעל, וואס זאל גאראנטירען דעם קויפער, אז די בגדים וואס ער קויפט, זיינען אויפגעמאכט געווארען אין סאניטארע שעפער.

דער גלויבען אין דער נויטווענדיגקייט און ווירקזאמקייט פון דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל איז געווען אזוי גרויס, אז אין 1913 האט פראפעסאר הורוויטש זיך ערלויבט צו זאגען ביי א מיטינג פון דזשאינט באַרד, אז די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל איז, לויט זיין מיינונג, דער איינציגער ארבייטער-געווינס פון דעם 1910 סטרייק. דער סטייטמענט האט דאן ארויסגערופען גרויס אויפרעגונג, ווייל דאס האט געמיינט א באליידיגונג פאר דער יוניאן זעלבסט אלס אזעלכע. קיינער האט אבער ניט אפגעשטריטען, אז די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל איז איינער פון די גרויסע געווינסען, וואס אונזער יוניאן האט ערווארבען אין 1910.

א גאנץ אנדער פנים האט פאר מיר געקראגען די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל אין 1916. איך בין יעמאלט געווען דער דיסטריקט-מענעדזשער אין בראנזוויל. איז אין גלענמאר עווועניו געווען א שאפ, וואס אהינצו האט מען געדארפט ארונטערגעהן א צעהן שטיגען אין בייסמענט. בלויז אין פראנט האבען די פענסטער אביסעלע אריבערגעקוקט דעם סיידוואק. אין די בעק, וואו די פרעסער האבען געארבייט, איז געווען שטאק פינסטער. איך האב יעמאלט זיך ענטזאגט גוטצוהייסען אזא שאפ, ביז אן אינספעקטאר פון דער סאניטארי קאנטראל וועט איהם ניט פריהער אונטערזוכען. צו מיין איבערראשונג, האט די אינספעקטארין (א פרוי) דעם שאפ א. קיי'ט. איך האב יענער אינספעקטארין געפרעגט: ווי אזוי ערלויבט זי זיך צו א קיי'ען א שאפ, וואס געפינט זיך אין א קעלער? האט זי מיר גאנץ תמימות'דיג געענטפערט: דאס איז ניט אזא שלעכטער שאפ!

דאס הייסט, האב איך דאן א טראכט געטאן, אז עס זיינען דא נאך ערגערע שעפער פון דיזען קעלער, און יענע וועט רען אויך א קיי'ט. אויב אזוי, מא צו וואס דארף מען א דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל? איך בין זיך מודה, אז פון יענעם מאמענט אן האט זיך אנגעהויבען מיין אפיקורסות אין דיזער קערפערשאפט.

די אומווירקזאמקייט פון „דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל" האט אפשר בייגעטראגען דעם גרעסטען חלק צו דעם יעצטיגען צושטאנד אין טרייד. עס איז א באוואוסטער פאקט, אז, מיט קליינע אויסנאהמען, זיינען די סקעבשעפער, און ספעציעל די קארפאריישאן-שעפער, סאניטאריש די ערגסטע אין טרייד. עס איז דאך זעלבסטפארשטענדליך, אז ווען עס קלייבען זיך צונויף עטליכע ארבייטער און גרינדען א קארפאריישאן, זוכען זיי, עס זאל זיין וואס קלענערע עקספענסעס. ערשטענס ווייסען זיי, אז אום צו קריגען ארבייט וועלען זיי מוזען מאכען פאר ביליגער. און דאס קענען זיי באהויפטען נאר דאן, ווען זייערע עקספענסעס זיינען קליינע. צווייטענס איז קיין סך געלד ביי אזעלכע אידען איבערהויפט ניטא. מעהרסטענטיילס זיינען דאס די לעצטע אפגעשפארטע פענים. עס פארשטעהט זיך, אז מען איז ניט פארטיקולאר צו דער שאפ איז סאניטאריש, אבי רענט איז ביליג. דערפאר אבער זיינען דיזע שעפער פאר דער יוניאן די ערגסטע קאנקורענטען. זיי קענען אויפמאכען ארבייט פאר גאנץ ביליג און דער דזשאבער וועט דעריבער נאך הונדערט מאל פארזיכערען און צוזאגען דער יוניאן, אז ער וועט דארט ניט שיקען קיין ארבייט און וועט פארט שיקען. דער יצר-הרע פון פראפיט איז דא פאר'ן דזשאבער א גרויסער...

דער געוועהנליכער וועג איז אפט ניט ווירקזאם צו באקעמפען אזעלכע שעפער. דער ברייטער עולם אויסערהאלב אונזער יוניאן קען ניט זיין פאראינטערעסירט אין אונזער קאמף געגען יענע שעפער. אנדערש אבער וואלט געווען דער פאל ווען אין דעם נעהמט אויך א האנד די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל. ווען אט דיזע קערפערשאפט זאל מאכען א באשטימטען סטענדארד פון סאניטארע קאנדישאנס, פון לופט, ליכט און אלגעמיינע זיכערהייט, וואס מוז זיין אין יעדען שאפ וואו מען מאכט פרויען-קליידער, דאן וואלט דער דורכשניטליכער דזשאבער מעהר מורא געהאט צו שיקען זיין ארבייט אין אונסאניטארע שעפער. א סטייטמענט פון דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל, אז דער אדער יענער מאנופעקטשורער אדער דזשאבער מאכט אויף זיין ארבייט אין שעפער, וואס זיינען מיקראבען-נעסטען, וואלט געהאט די נויטיגע ווירקונג אויף דער עפענטליכער מיינונג, און עס וואלט זיכער געבראכט פיל שאדען דעם באטרעפענדען, וועמעס ארבייט מען האט אין אזא שאפ געפונען. פאר שאדען אין ביזנעס האבען אונזערע מאנופעקטשורערס און דזשאבערס מורא, און זיי וואלטען דאן אויפגעהערט אזוי פריי צו פלאַריען כסדר נייע שאפקעלאך, ווי זיי טוען עס יעצט.

אט דאס איינענטליך האט געדארפט זיין די ארבייט פון דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל די גאנצע צייט זינט 1910. וואלט דיזע ארבייט געטאן געווארען מיט דער נויטיגער ענערגיע און קראפט, איז מעגליך, אז אונזער טרייד וואלט זיך אזוי שטארק ניט צערברעקעלט, אז די גרעסערע און סאניטארע שעפער וואלטען זיך ניט אויפגעגעבען איינער נאך דעם אנדערען. און זיכער וואלט עס אצינד ניט געהאלטען דערביי, אז די אמאליגע סוועט-שאפס, געגען וועלכע די קלאוקמאכער האבען נאך געקעמפט אין באראנדעס'עס צייטען, זאלען זיך צוריק אומקעהרען.

אז די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל קען אמאל זיין ווירקזאם, האבען מיר געהאט א סימן נאר ניט לאנג צוריק. א געוויסער מאנופעקטשורער האט געוואלט פארקלענערען זיין שאפ, אנגעבענדיג אלס אורזאכע וואס א טייל ארבייטער וואלט אויסקומען צו ארבייטען אין דער פינסטער. די זאך איז איבערגעגעבען געווארען צו דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל. דער באטרעפענדער שאפ איז אונטערזוכט געווארען און גאנץ שנעל איז געקומען דער ענטפער: מען קען ניט ערלויבען דארט צו ארבייטען. דאס האט גלייך געמאכט א סוף צו אלע טענות פון די ארבייטער. נאטירליך האבען מיר ניט קיין ספעציעלעס געגען דיזער ענטשיידונג. אויב דער פלאץ איז ווירקליך פינסטער, ווילען מיר ניט, אז אונזערע מעמבערס זאלען דארטען ארבייטען. אבער עס פרעגט זיך דאך די פראגע: אין דיזען פאל איז עס געווען די פירמע, וואס האט ניט געוואלט מען זאל ארבייטען אין א פינסטערען ווינקעל, אבער אין וויפיל פינסטערע שעפער האט די „סאניטארי קאנטראל" ניט ערלויבט צו ארבייטען דאן ווען דער באס האט יא געוואלט? מיט אנדערע ווערטער: וואס טוט די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל צו יענע מאנופעקטשורערס וואס דינגען פינסטערע שעפער, אדער דזשאבערס, וואס שיקען ארויס זייער ארבייט געמאכט צו ווערען אין פינסטערע שעפער, וואו עס קומט אויס צו ארבייטען א גאנצען טאג ביי קינסטליכער באלייכטונג? וואס איז איבערהויפט איהר שטעלונג צו דעם פאקט, וואס כאטש זי עקזיסטירט שוין דעם 14טען יאהר, איז דאך דער אלגעמיינער סאניטארער צושטאנד פון די שעפער אצינד פיל ערגער ווי אין 1910? אז פיל מעהר פרויען-קליידער ווערען היינט אויפגעמאכט אין אונסאניטארע

(שלוס אויף זייט 11.)

דער פערד-מענש

(אלעגארישע סקיצע) פון אברהם רייזען

אויפ'ן הויף איז געשטאנען א וואגען. פארביינעהער פלעגען גלייך דעם וואגען באמערקען; עס איז געווען א גרויסער וואגען מיט האלאבליעס און שטריק. זיכער איז מען געווען, אז דא אין הויף וואוינט א בעל-עגלה, וואס האט אויך א פערד. קיין שטאל איז אבער אויפ'ן הויף ניט געווען צו מערקען. וואו זשע געפינט זיך דאס פערד?

דאס פערד איז געווען אין דעם פרט גליקליכער פאר אלע זיינע ברידער. אין א שטאל האט ער ניט געוואוינט. ער האט פארנומען א שטוב, אמת, ניט קיין גרויסע, אבער דאך איז דארט געווען גענוג פלאץ פאר איהם. עס איז נאך געבליבען פלאץ אויך פאר זיין ווייב און קינדער...

דאס פערד האט געהאט א ווייב מיט קינדער...

און נאך וואונדערליכער: דאס פערד האט ניט געגעסען קיין היי און קיין האבער. ער האט געגעסען בלויז דאס, וואס מענשען עסען: ברויט, קארטאפעל און אמאל, זעהר זעלטען — א שטיקעל פלייש.

קיין מילך האט ער ניט געטרונקען, אבער עס קאן זיין, אז ער וואלט יא געטרונקען, ווען מען וואלט עס איהם געגעבען...

און דאך איז עס ניט געווען קיין ווילדער פערד; פארקעהרט, ער איז געווען זעהר רוהיג. קיין ביימש אויף זיך האט ער ניט געברויכט צו פיהלען. ער איז געווען געלערענט, איינשפאנען אין וואגען פלעגט ער זיך אליין, ארויפלעגענדיג פריהער די משא אויפ'ן וואגען...

דאס פערד האט אויך געקאנט ריידען. נאר גערעדט האט ער זעהר ווייניג. אבער ניט פאר בייזקייט, עס איז געווען דוקא א גוטמוטיג פערד.

דאס איינציגע חסרון האט עס געהאט, וואס עס האט ניט געקאנט לויפען... ווייל עס האבען איהם געפעהלט צוויי פאדערשטע פיס, ער האט בלויז איינגאנצען פארמאגט צוויי פיס. אבער ווען ער פלעגט איינגעבויגענערהייד פיהרען די משא, אראפלאזענדיג צו דער ערד די הענד, פלעגט ער דעמאלט אויסווייזען ווי אויף פיר פיס, און די פערדישע הארמאניע איז ניט צעשטערט געווארען.

צוקומענדיג צום פלאץ, וואו ער פלעגט די משא דארפען אבלעגען, פלעגט ער זיך רוהיג אויסשפאנען און א מורמעל טאן:

— וואוהין?

מען פלעגט איהם אנווייזען.

אן אנדער באשטעלער פלעגט זיך צעלאכען:

— פארוואס קויפט איהר ניט קיין אמת'ן פערד?...

דאן פלעגט דאס פערד א מארנעם שמייכעל טאן און ענטפערען מיט א מענשליכען קול:

— און וואס בין איך?...

דעם אמת געזאגט, האט ער שוין אמאל געהאט א פערד. עס איז אבער געווען צו טייער אויסצוהאלטען עס. יענס פערד איז געווען א גרויסער אויסברענגער, קיין אנדער זאך אויסער האבער האט עס ניט געגעסען, און ארבייטען פלעגט עס זיך דוקא פוילען...

ער אבער עסט, וואס עס מאכט זיך, און פוילען פוילט ער זיך אודאי ניט. זאל נאר זיין וואס צו פיהרען.

דערפאר אבער פיהלט ער צו זיינע ברידער, די אמת'ע פערד, א שטארקע צוגעבונדענקייט, און ווען ער זעהט א רייכען בעל-עגלה פיהרען דאס פערד מיט א שווער-געלאדענעם וואגען, ווענדט ער זיך צום בעל-עגלה און בייזערט זיך:

— ס'איז א רציחה פון א מענשען, אזוי פיל אנצולעגען.

און דער בעל-עגלה ווערט צוריק בייז און ענטפערט:

— אט דו שלעפ דיין וואגען, פאר אנדערע פערד זאל דיר ניט ארען.

עס ארט איהם אבער יא. און ווען ער וואלט אליין אין וואגען ניט געווען איינגעשפאנט, וואלט ער געהאלפען זיכער אונטערשטופען.

אזא רחמנות!

און ער טראכט דעמאלט פון זיין פערד, וואס ער האט מאל פארמאגט. ס'איז געווען טאקע א פרעסער און א פוילער, אבער קיין טענות האט ער צו איהם ניט געהאט, און גאט האט געוואוסט דעם אמת, אז ער האט עס נישט געוואלט איבערגעבען אין אנדערע שלעכטע הענד.

ער האט אבער געמוזט.

ער טרוימט אבער פון בעסערע צייטען. ער וועט ווידער אמאל קויפען א פערד... ער וועט שוין קריגען ווי עס איז אביסעל געלד, און דעמאלט וועלען זיי ביידע ארבייטען צו זאמען, ווי צוויי ברידער...

איצט אבער קאן ער נאך ניט... און ער מוז אליין ערפילען די ארבייט פון א פערד...

ער פארשפארט דערמיט אזוי פיל: א שטאל, היי און האבער...

— און שטרוי איז א הונט? — דערמאנט ער זיך אן נאך א פערדישע הוצאה, וואס ער האט דעמאלט געהאט.

א פערד איז פארט ניט ער... אלע טאג פלעגט ער איהם מוזען אונטערבעטען א בינטעל שטרוי. ער אליין שלאפט שוין אויף א שטרוי-זאק באלד א יאהר... א פערד אבער מוז האבען אלע נאכט פרישע שטרוי.

אן אמת'ער פערד איז א גרויסע הוצאה.

און די האפענונג אויף אן אמת'ן פערד רוקט זיך אב פון איהם און פארשווינדט.

ער וועט שוין אליין געהן אין שפאן און פיהרען דעם וואגען.

גאט זאל נאר געבען, עס זאל זיין וואס צו פיהרען.

ווי איהר זעהט, האט דאס פערד געגלויבט אין א גאט...

דאס איז געווען א גלויביג פערד...

ער האט אפילו געהאט א טלית און תפלין, אין וועלכע ער פלעגט זיך אלע אין דער פריה איינשפאנען.

עס האט איהם געצויגען צום שפאן... צו דער משא... ער איז געווען פארקויפט ביי מענשען און ביי גאט...

מענשען האבען איהם פאר זיין פערדישער ארבייט כאטש עפעס געצאהלט, כאטש אזוי פיעל, ער זאל קאנען דערהאלטען זיין איינענע און ווייב און קינדער'ס נשמות...

גאט אבער איז געזעסען אין הימעל, צוגעקוקט די שווערע ארבייט פון פערד-מענש, אויסגעהערט אמאל זיינע געבעטען און געשווינען מיט א מארנעם שמייכעל.

דער פערד-מענש אבער האט זיך אין גאט'ס מעשים ניט אריינגעטראכט. לייכטער איז איהם געווען צו פיהרען די שווערסטע משא, איידער אביסעלע צו טראכטען.

און אפשר טאקע דערפאר, וואס עס איז איהם אזוי שווער געווען דאס טראכטען, איז איהם אזוי לייכט געווען דאס פיהרען?

ווארום ווערען מאנופעקטשו-רערס דזשאבערס?

פון ד. ווייסמאן
מענעדזשער פון לאקאל 11.

מיט יארען צוריק האבן די מעמ-בערס אויפגעקלערטע פון אונזערע, און אפילו פיהרער פון דער יוניאן, בליימען זיי די דזשאבערס פאר דעם יעצטיגען צושטאנד פון טרייד.

דאס ווארט דזשאבער איז א שרעק-ליך פארפיהרעריש ווארט. דער דזשא-בער, דאס איז דער זעלבער אלטער מא-נופעקטשורער, וועלכער האט אנגענומען דעם נאמען דזשאבער, ווייל עס הערט זיך איהם צום געשעפט. אין אנפאנג האבען מיר געדענקט, אז א דזשאבער איז דער, וועלכער האנדעלט מיט פאר-טיגע גארמענטס. היינט ווייסען מיר שוין, אז די דזשאבערס זיינען רעגעלע מאנופעקטשורערס, נאר אנשטאט צו פראדוצירען די ארבייט אינסייד פרא-דוצירען זיי עס אוטסייד, אין קליינע שעפער. אינסייד באשעפטיגען זיי עט-ליכע עקזאמינערס, סעמפעל מאכער און אפט קאטערס. די יוניאן ערלויבט אפילו ניט קיין דזשאבערס צו באשעפטיגען אינסייד קיין ארבייטער, אבער זיי הא-בען שוין ווענען ווי אפצונארען די יוני-יאן. אהן די עטליכע אינסייד ארביי-טער קען א דזשאבער זיך ניט באגעהן. ספעציעל קען ער זיך ניט פארלאזען אויף די אוטסייד-שעפער, אז זיי זאלען מאכען די סעמפעלס. און עס טרעפט אפט, אז אין אן אוטסייד שאפ ווערען גארמענטס ניט געשניטען ריכטיג. דער סאב-מאנופעקטשורער וויל מאכען מעהר פראפיט, שניידט ער אביסעל קירצער און שמאלער און נאכהער ווילען די סטארס ניט צונעהמען די ארדערס, דער-פאר איז געזינטער ווען מען האט עט-ליכע קאטערס ביי זיך, וועלכע שניידען די בעסערע גארמענטס.

די אזוי גערופענע מאנופעקטשו-רערס — אפילו פון דער בארימטער פראטעקטיוו אסס'ן — האבען אינסייד בלויז א קליינע צאהל ארבייטער. פא-ראן באלעבאטים, וועלכע באשעפטיגען צו 3—4 אפערייטארס, און טוען גרויסע ביזנעס. זיי מאכען זייער ארבייט אוט-סייד אין די זעלבע סוועט-שעפער, וואו די דזשאבערס. טו וואו איז דער חילוק צווישען א דזשאבער און א מאנופעק-טשורער? אלע דזשאבערס באשעפטיגען אינסייד עטליכע ארבייטער, און אוט-סייד מאכען זיי דעם גרעסטען פראצענט פון זייער ארבייט; און אלע מאנופעק-טשורערס מאכען דעם קלענסטען פרא-צענט פון זייער ארבייט אינסייד און דאס איבריגע מאכען זיי אוטסייד. אלזא, אלע דזשאבערס, מיט דער אויסנאהמע פון עטליכע, זיינען מאנופעקטשורערס, און אלע מאנופעקטשורערס זיינען דזשא-בערס.

די פראבלעם, וועלכע שטעהט פאר אונז דעריבער, איז דאס, וואס די קלאוק-פאבריקאנטען האבען אויפגעגעבען זייע-רע אינסייד פאבריקען און מאכען זייער ארבייט אין הונדערטער קליינע שעפער. צו מיר וועלען זיי רופען דזשאבערס אדער אנדערע נעמען איז גאנץ עגאל. וואס מיר זיינען פאראינטערעסירט איז צו זעהן, אז די ארבייט זאל געמאכט ווערען אין גרעסערע שעפער און ניט אין סוועט-שעפער, וואו די יוניאן קען ניט האבען קיין קאנטראל.

אויף דער פראגע ווארום גיבען די פאבריקאנטען אויף די אינסייד-שעפער, ווערען געגעבען פארשידענע ענטפערס. מיר'ן טרייען ערקלעהרען די אורזאכען, וועלכע נאך אונזער מיינונג, האבען גע-שאפען די קליינע שעפער.

לאמיר נעמען, אלס א ביישפיל, צוויי פאבריקאנטען מר. א. און מר. ב. ביי-דע האבען ארבייט גענוג צו באשעפטי-גען 500 ארבייטער. מר. א. האט א לאפט אויף בראדוויי, וואו זיינע 500 ארבייטער זיינען באשעפטיגט. צווישען 500 ארבייטער זיינען זיכער פאראן עט-ליכע קלאסענבאוואוסטע ארבייטער, וועלכע שטעלען זיך איין פאר די רעכ-טע פון די בעלי-מלאכות. און ס'איז ניט נויטיג מעהר, ווי עטליכע גוטע יו-ניאן לייט צו האלטען — מיט דער הילף פון דער יוניאן — דעם שאפ אין „שייפ". דער באס וואלט געוואלט פון די עטליכע אקטיווע יוניאן-לייט פטור ווערען, לאזט ניט די יוניאן. דער באס, אדער זיין פארמאן, זיינען ביזי מיט קאמפליינטס. אלע ווייילע קומט א ביז-נעס-איידזשענט פון דער יוניאן, דעם האט מען דיסטשארדזשט, דעם האט מען ניט דערצאהלט, און דעם האט מען ניט געגעבען זיין טייל ארבייט. דער באס קען ניט איגנארירען די יוניאן, ער ווייס, אז די יוניאן וועט ארדערען די ארבייטער צו סטאפען, וועלען זיי וואר-פען די ארבייט, און דאן וועט ער ניט קענען דעליווערען די ארדערס. די גלייכסטע זאך פאר'ן באס איז, אונטער אזעלכע אומשטענדען, צו לעבען גוט מיט זיינע ארבייטער, באהאנדלען זיי אנ-שטענדיג אז זיי זאלען ניט האבען אויף וואס זיך צו קלאגען.

מר. ב. איז אבער קלינער, טראכט ער זיך: וואס טויג מיר צו באשעפטיגען 500 ארבייטער אין איין שאפ! קלאוקס קאן מען מאכען אפילו אין א בעדרום. נעמט מר. ב. 50 ארבייטער און זאגט זיי, אז זיי זאלען איינפיקסען שעפער, ער'ט זיי געבען ארבייט. ער האט, אזוי ארום, גלייך געקראגען 50 ארבייטער וועמען מען דארף ניט טריי-בען, אז זיי זאלען ארבייטען. דיזע 50 ארבייטער, ווי מיר זאלען זיי ניט רופען, סאב-מאנופעקטשורערס, אדער קאנטראקטארס, ארבייטען טאג און נאכט, זיי ארבייטען דאך פאר „זיך". וואס מעהר זיי וועלען ארבייטען, אלץ מעהר וועלען זיי פארדינען. דיזע 50 מענשען קריגען יעדערער א פארטנער, האט שוין מר. ב. 100 ארבייטער, וועל-כע ארבייטען פאר איהם, און וועמען ער קאן באהאנדלען ווי ער וויל. זיי זיינען ניט קיין יוניאן-לייט, און די יוניאן וועט זיך פאר זיי ניט איינשטעלען. אין גע-גענטייל, די יוניאן באטראכט דאך גאר דיזע לייט פאר קאפיטאליסטען מיט וועמען מען פיהרט דעם קלאסען-קאמף. געוועהנליך דינגען דיזע 100 באלעבאטים צו עטליכע ארבייטער און זיי ארבייטען א חוץ פאר מר. ב. אויך פאר אנדערע באלעבאטים. מר. ב. איז מיט גאר-נישט פארפליכטעט צו זיינע קאנטראק-טארס. האט א קאנטראקטאר ארבייטער, וועלכע ווילען ניט שקלאפען פאר א הונגער-לוין, זוכט מר. ב. אן אנדער קאנ-טראקטאר, וואו צו שיקען די ארבייט. עס נעהט אן א האלז-שניידערנע קאנקו-רענץ צווישען די קאנטראקטארס פאר ארבייט, און די וועלכע מאכען ביליגער, קריגען די ארבייט. דער סוף איז, אז די קאנטראקטארס ארבייטען אליין ווי פערד, און פארמוטשען די עטליכע פרעמ-דע ארבייטער און פארדינען פארדינען זיי וואסער אויף קאשע. פאר דער יו-ניאן האט מר. ב. קיין מורא ניט, דער כח פון א יוניאן איז דער סטרייק, און פאר א סטרייק האט מר. ב. קיין מורא ניט, ווייל די יוניאן ווייס ניט, ווער מר. ב.'ס קאנטראקטארס זיינען, און טאמער וועט די יוניאן זיי אויסגעפינען, קאן מר. ב. שיקען די ארבייט צו אנדערע קאנטראקטארס. ווען די יוניאן זאל אפילו סטרייקען מיט מר. ב., קאן זי ניט האלטען זיינע קאנטראקטארס אין סטרייק. זיי ארבייטען דאך פאר אנ-דערע פירמעס אויך. געוועהנליך זאגען זיי צו, אז זיי וועלען ניט מאכען קיין ארבייט פאר מר. ב. אבער די יוניאן קאן ניט אויפשטעלען א מענשען אין יעדען שאפ צו היטען, אז מען זאל ניט מאכען קיין סקעב-ארבייט, איז צווישען די ביי-סעל כשר'ע ארבייט נעהט מען אויך אויך די סקעב-ארבייט. אלזא, פאר מר. ב.'ן עקזיסטירט ניט קיין יוניאן. ווער עס מאכט ביליגער ארבייט, יענעם גיט ער.

דאס איז די אורזאכע, ווארום מא-נופעקטשורערס שיקען די ארבייט אויט-סייד. שיקען די ארבייט אויטסייד איז א מיטעל צו באפרייען זיך פון דער יו-ניאן-קאנטראל. מאנכע דענקען, אז ס'איז קיין חילוק ניט צי א מאנופעק-טשורער מאכט זיינע ארבייט אינסייד צי אויטסייד. וואס מיר דארפען פארלאנגען, איז בלויז אז די ארבייט זאל געמאכט ווערען אין יוניאן שעפער. דאס איז אבער א גרויסער טעות! שטעלט זיך פאר, וואס וואלט פאסירט ווען מיר ער-לויבען אין אונזער ביישפיל מר. א. צו נעמען 100 פון זיינע 500 ארבייטער און באשעפטיגען זיי רעגולער א גאנץ יאהר, און די איבעריגע 400 זאלען ארבייטען, ווען די 100 וועלען, ארבייטענדיג פולע וואכען מיט אווערטיים, ניט קאנען פאר-טיג מאכען די ארדערס; און שטעלט זיך ווידער פאר, אז די יוניאן וואלט גע-געבען דעם באס א רעכט צו דיסטשאר-דזשען וועמען ער וויל, ווי אזוי וואלטען די ארבייטער געקאנט פאדערען זייערע רעכטע? וואלט איינער קאמפליינט וואלט ער גלייך ארויסגעשמיסען געווא-רען פון שאפ! כדי צו זיין פון די גליקליכע וועלכע זיינען די ערשטע צו קריגען ארבייט, וואלט איינער געוואלט אריבערשטייגען דעם צווייטען אין גע-טריישאפט צום באס. און דער לעבענס-סטאנדארד פון די ארבייטער וואלט גע-זונקען פון טאג צו טאג. דאס וואס קיי-נעם וואלט אפילו אויפ'ן זינען ניט ארויף צו ערלויבען אן אינסייד מאנופעקטשו-רער, אדער דזשאבער, ווי מיר רופען זיי.

לאמיר נעמען אלס א ביישפיל א דזשא-בער, וועלכער באשעפטיגט 500 ארביי-טער אין 50 שעפער. ער קאן צו יעדער צייט אויפהערען צו שיקען ארבייט אין א טייל פון די שעפער, אדער אלע שע-פער, און געפינען אנדערע שעפער וואו צו מאכען זיין ארבייט. ווען דער דזשא-בער וויל פארניכטען די יוניאן-קאנדי-ציאנען, דארף ער גאר ניט שיקען די ארבייט אין סקעב-שעפער; ער קאן אויסקלייבען 25 פון זיינע 50 שעפער, און מאכען זיי ביזי, און די אנדערע 25 שעפער גיט מען צו ביסלאך, קוים די נשמה צו דערהאלטען. ווען דער דזשא-בער האט שכל, קלייבט ער דוקא אויס 25 פון די בעסטע יוניאן-שעפער און פארווארפט זיי מיט ארבייט. ווען די ארבייטער אין די איבעריגע שעפער וואו עס ארבייטען די ערגערע יוניאן-לייט האבען א סיזאן קיין ארבייט ניט און האבען ניט מיט וואס א טאג איבערצו-לעבען, דאן זיינען זיי צופרידען צו אר-בייטען אונטער די ערגסטע קאנדיציא-נען, און אזוי דער דזשאבער שיקט דאן באנדעלס וויפיל זיי האבען נאר כח צו מאכען. נאטירליך ווערט סלאו אין די שעפער, וועלכע זיינען פריהער געווען ביזי, ביז די לייטע זיינען גענוג אויס-געהונגערט און גארטלען זיך אונטער און ברייגגען ארויס נאך ביליגער גארמענטס, וואס דאס פיהרט דערצו, אז די ארביי-טער פון די שעפער, וועלכע האבען פרי-הער געהאט די ארבייט, זאלען נאך שווע-רער ארבייטען, און טאקע פון שטיק, אבי צו פארדינען א שטיקעל ברויט. עס מוז דאך זיין קלאר פאר יעדען, אז ווען א באס דיסטשארדזשט דעם סאב-מאנופעק-טשורער, מיינט עס צו דערזעלבער צייט, אז ער דיסטשארדזשט אונזערע מעמבערס וועלכע ארבייטען ביים סאב-מאנופעק-טשורער.

אלזא, מיר האבען געזעהן אז דער דזשאבער דארף ניט טיילען גלייך קיין ארבייט, אז דער דזשאבער האט דאס רעכט פון דיסטשארדזש. האט זיך גע-עפענט א נייער שאפ וואו ארבייטער נעמען קליינע וויידזשעס אדער זיינען נאר אין א קארפאריישאן, דיסטשארדזשט דער דזשאבער זיין סאב-מאנופעקטשו-רער, וואס דאס מיינט, אז אונזערע מעמ-בערס בלייבען אהן ארבייט, און שיקט די ארבייט אהין.

אפצושאפען דיזע איבלען מוזען מיר איינפיהרען די באגרענצונג פון קאנ-טראקטארס. א דזשאבער זאל האבען אזוי פיל קאנטראקטארס וויפיל ער קאן באשעפטיגען. קיין קאנטראקטאר אדער סאב-מאנופעקטשורער זאל ניט טארען ארבייטען פאר מעהר ווי איין דזשא-בער, און קיין קאנטראקטאר אדער סאב-מאנופעקטשורער זאל ניט טארען דיס-טשארדזשט ווערען אהן אן אורזאכע. די דזשאבערס זאלען זיין פאראנטווארטליך פאר די קאנדיציאנען פון די ארבייטער אין די שעפער פון זייערע קאנטראק-טארס.

די באטאן מאכער

פון ח. דובינסקי.

אין די לעצטע עטליכע וואכען איז אין די טעגליכע צייטונגען, ווי אויך אין דער „גערעכטיגקייט" געווען באריכטעט וועגען א סטרייק פון באטאן מאכער.

ניט אלע לעזער אבער פון דער „גע-רעכטיגקייט" זיינען באקאנט מיט דעם באטאן-מאכער טרייד, מיט די ארביי-טער פון דיזען טרייד, ווי זיי לעבען און וויפיעל זיי פארדינען. כאטש אויף יעדען לידיס גארמענט זעהען זיי פאר-שידענע סארטען באטאנס אדער באקלס.

ארגאניזירט האבען מיר יעצט די סעלולאיד-באטאן-ארבייטער, א ברענטש פון דער גרויסער באטאן אינדוסטריע. עס זיינען דא פארשידענע באטאנס, ווי אייווארי באטאנס, קאמפאזישאן בא-טאנס, גלאז באטאנס, געלאליט בא-טאנס, הארן באטאנס, קאווערד בא-טאנס, סעלולאיד באטאנס און מעטאל באטאנס.

סעלולאיד, קאווערד, געלאליט, הארן און מעטאל באטאנס ווערען אויסשליס-ליך געברויכט אויף לידיס גארמענטס.

דער גרויסער שעהנער באטאן, אדער באקל, וואס איהר זעהט אנגענעהט אויף קייפס, קאוטס, גאונס און דרעסעס, איז סעלולאיד. מאנכע פון דיזע באטאנס קאסטען גאנץ טייער. דיזער באטאן דינט אויך אלס טרימינג. פיעלע פון זיי ווערען באפוצט מיט פארשיידענע קאלירטע בלומען, מיט כינעזישע, דזשא-פאנעזישע און עגיפטישע טום-אן-קאמען פיגורען.

די באלעבאטים אין דער באטאן-אינדוסטרי, און ערך 23 אין צאהל — זיינען אלע אידען, און פארמעגליכע פאבריקאנטען.

לויט דעם גרויסען קאפיטאל, וואס איז אינוועסטעט אין דיזע ביזנעס (עס קאסט אמווייניגסטענס פינף און צוואנ-ציג טויזענט דאלאר איינצופיקסען א מאדערנעם באטאן פלענט), זיינען די פראפיטען קלענער ווי פון אנדערע ביז-נעס פון דעם לידיס גארמענט טרייד, איינפאך צוליב דעם, וואס די גאנצע אינדוסטריע איז נאך ניט ארגאניזירט ניט פון דער באלעבאטים זייט און ניט פון דער ארבייטער זייט. עס נעהט אן א גארגעל-שניידענדע קאנקורענץ. געלי-טען דערפון האבען מעהרסטענס די אר-בייטער — און נאך ווי געליטען. דער כאראקטער פון דער ארבייט איז א פי-זיש-שווערע. די קלאפעריי פון דער מאשינערי איז פארטויבט צו ווערען: די היץ אין די באטאן-שעפער איז 50 פראצענט הייסער ווי אין גאס, ווייל עס ווערט געברויכט סטים צו ווארימען דעם סעלולאיד אויף אויסצוארבייטען די בא-טאנס.

די ארבייטער פון דיזען טרייד זיי-נען אידען, איטאליענער, שפאניער, אביסעל פאליאקען און א באדייטענדע צאהל נעגערס (שווארצע).

צוליב דעם אליין, וואס גענויע א האלבע וועלט נאציאנאליטעטען ווערען באשעפטיגט אין דעם טרייד, האט די עקספלואטאציע דערגרייכט די העכסטע שטופע.

דער דורכשניטליכער פארדינסט פאר 50 שטונדען ארבייט איז געווען ארום 22 דאלאר.

מיט א 3 מאנאטען צוריק האבען איינינע באטאן מאכער: מ. גרינגלאס, ווארשאווסקי, באיארסקי און נאך א פאר זיך געווענדעט צו מיר, איך זאל ארגאניזירען דעם טרייד. איך האב זיי געראטען צו זעהן מארים זיגמאן, פרע-זידענט פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער וועט זיי זיכער געבען א ברר דער-הענס. און דאן, מיט איינינע יאהר צוריק, האט זיי די אינטערנעשאנאל געגעבען א טשארטער, און כאטש דער טשארטער (132) האט ניט אנגעזעהען די ליכטיגע וועלט, זיינען זיי אין פרינ-ציפ א לאקאל פון דער אינטערנעשא-נאל. זיי האבען מיין ראט געפאלגט.

פרעזידענט זיגמאן האט זיי ווארים אויפגענומען, אסיגנירט א סומע געלט אנצופאנגען דעם ארגאניזאציאנס-קאמ-פיין און פארשפראכען הילף.

פאר 3 מאנאטען צייט איז אנגע-גאנגען א פיבערהאפטע טעטיגקייט צו ארגאניזירען די ארבייטער. טעגליכע מיטינגען זיינען אפגעהאלטען געווארען אין דעם אודיטאריום פון דער אינ-טערנעשאנאל.

אין דערזעלבער צייט האבען די בא-לעבאטים זיך אויך ארגאניזירט אלס אן אסאסיאיישאן. ענדליך האט מר. ראזענבערג, פון די ניו יארק באטאן ווארקס, א פירמע 48 יאהר אין ביזנעס, און 48 יאהר דער לייטענדער באטאן פאבריקאנט — אן אפען שאפ — אלס פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן, אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט פרעזי-דענט זיגמאן פון אונזער אינטערנעשא-נאל, און אויף דיזען קאנפערענץ איז אויסגעארבייט געווארען א באזיס אויף א סעטלמענט. אין דער אפוועזענהייט פון פרעזידענט זיגמאן, האט דער סעק-רעטער באראף און ארטורא דזשיאוואני-טי, מיט אונז אויסגעארבייט אן אגרי-מענט מיט דער אסאסיאיישאן.

דעם 3טען דזשולי איז א גענעראל סטרייק ערקלערט געווארען: דעם 5טען דזשולי איז דער אגרימענט געמאכט געווארען. מאנטאג, דעם 9טען דזשולי, זיינען גענויע 600 באטאן ארבייטער אוועק צו דער ארבייט אלס זיגער, גע-ווינענדיג 44 שטונדען, א פלאט העכער-רונג פון 3 דאלאר אויף די וויידזשעס און א יוניאן שאפ.

עס זיינען נאך געבליבען אין סטרייק ארום 200 ארבייטער פון אינדעפענדענט שעפער (2 אין צאהל), וועלכע וועלען אין קורצען אויך סעטלען.

נאך אביסעל אפרוה און איינארד-נונג פון די נייע יוניאן באדינגונגען אין די שעפער, וועלען מיר אנפאנגען ארגא-ניזירען די אנדערע ברענטשעס פון דעם באטאן טרייד, וואס וועט אונז געבען א מעמבערשיפ פון איינינע טויזענט. פארלויפיג האבען מיר גענויע 800 מעמ-בערס, א היבשע טרעזשורי, א באזונדער סטארטע מעמבערשיפ, און זאל אונז גאט העלפען צו פארשטארקען דעם נייעם לאקאל, וואס מען קאן מיט רעכט אנרופען אן אינטערנאציאנאלע פון פרא-לעטאריער פון א האלבע וועלט.

פילאדעלפיער, פארגעסט ניט אייער פיקניק!

האבען איהם פארלאזען, פארלאנגט ער ניט, ווייל מען קען ניט פארלאנגען א שטיק אייגענטום. ער פארלאנגט אבער די, וואס האבען צוגע'גנב'עט פון איהם זיין אייגענטום!

אט דאס איז דער כאראקטער פון דעם אינדזשאנקשאן. און די אינטערנעשאנאל איז ענטשלאסען צו באקעמפען דעם ראזינען אינדזשאנקשאן מיט אלע איהרע כחות. עס איז דא ניט די פראגע, צו דער אינדזשאנקשאן קען שטערען דער אינטערנעשאנאל אין איהר ארגאניזאציאנס־ארבייט פון די שיקאגא'ער דרעס־מאכער, צו ניט. די פראגע, וויכטיג ווי זי איז, טרעט צוריק אין הינטערגרונד לגבי דער גרויסער פראגע פון איינפיהרען ווידער מענשליכע שקלאפעריי אין אמעריקא. די אינטערנעשאנאל וועט זיך אין איהר ארגאניזאציאנס־ארבייט אויף איין מאמענט ניט אפשטעלען. ווי מיר האבען שוין געזאגט, די דרעס־מאכער אין שיקאגא, צום טראץ פון אלע אינדזשאנקשאנס, וועלען ארגאניזירט ווערען. אבער די אינטערנעשאנאל באטראכט עס איינפאך אלס איהר גרויסע פליכט צו באקעמפען דעם ראזינען אינדזשאנקשאן, ווייל ער ריהרט אן דעם סאמע פונדאמענט פון אונזער געזעלשאפטליכען צוזאמענלעבען, ווייל גאנץ באוואוסטזיניג ווערט דורך דעם אינדזשאנקשאן ווידער איינגעפיהרט די מענשליכע שקלאפעריי, אין איהר שווערליכסטער פארם.

די אינטערנעשאנאל האט צוליב דעם אנגעשטעלט די בעריהמטעסטע לאיערס, און דער קאמף וועט אויסגעפאכטען ווערען אין קאורט. אבער דאס איז ווייניג. דער קאמף מוז פון קאורט אריבערגעטראגען ווערען אין עפענטליכען לעבען. ווארים דער קאמף געגען דעם אינדזשאנקשאן איז ניט עטוואס, וואס איז נוגע בלויז די אינטערנעשאנאל, און ניט עטוואס, וואס איז בלויז נוגע די ארבייטער־באוועגונג בכלל, נאר עטוואס, וואס איז נוגע יעדען מענשען, מאן אדער פרוי, וועמען עס איז טייער די מיט אזוי פיל בלוט ערקעמפטע פרייהייט אין אמעריקא. דער קאמף געגען דעם אינדזשאנקשאן מיינט ניט קיין אנדער זאך, ווי דער קאמף געגען דעם פארזוך פאר די ווידער־איינפיהרונג פון שקלאפעריי אין אמעריקא.

דר. ל. לעווין'ס געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל און זיין בקשה צו די לעזער.

די גרויסע ארבייט, וואס דר. ל. לעווין האט זיך אונטערנומען, נעמליך צו שרייבען די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל, געהט אן אויסגעצייכענט. ער האלט אין איין זוכען און געפינען נאך פיל נויטיגען מאטעריאל. ער האט שוין אויך גערעדט מיט פילע, פילע מענשען, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל צו פארשיידענע צייטען; ער האט שוין אויסגעזוכט און אויסגעזיפט פארשיידענע זיכערע געשיכטס־קוועלען. אזוי, אז ער איז זיכער, אז די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל וועט זיין אי א גרונטאווע און אי א גלענצענדע ארבייט. אבער עס זיינען דא מאטעריאלען, וועלכע ער קען אין קיין לייבערערי ניט געפינען. למשל, צו פארשיידענע צייטען האבען אונזערע יוניאנס ארויסגעגעבען פארשיידענע ליפלעטס, הענד־בילס, וועלכע ווארפען אמאל א גאנץ באזאנדערע ליכט אויף געוויסע פאסירונגען. ער האט זיך דארום געווענדעט צו אונז, מיר זאלען זיך דורך דער „גערעכטיגקייט" ווענדען צו אונזערע לעזער. אפשר איז צווישען זיי דא אימיצער פון די אלטע יוניאן־מעמבערס, וואס האבען געקליבען אזעלכע ליפלעטס, הענדבילס, בראשורען, ווערען זיי שטארק געבעטען זיי צוצושיקען צו אונז אין רעדאקציע, און זיי וועלען דערמיט פיל העלפען דר. ל. לעווין אין זיין גרויסער ארבייט. מיר פארזיכערען די לעזער, אז מיר וועלען אפשיקען צוריק יעדען [illegible], וואס ער וועט אונז צושיקען. מיר ווענדען זיך מיט אונזער בקשה ניט בלויז צו די לעזער פון ניו יארק, נאר פון איבעראל, און מיר מיינען ניט בלויז מאטעריאלען פון אונזערע ניו יארקער יוניאנס, נאר אויך פון אונזערע יוניאנס אויסער ניו יארק. גאנץ אלטע פראטאקאלען פון די פארשיידענע מיטינגען, גאנץ אלטע ליפלעטס, הענד־בילס, רעזאלוציעס — אלץ, וואס האט א שייכות מיט אונזער אינטערנעשאנאל אין די סאמע ערשטע יאהרען פון איהר לעבען, וועלען זעהר שטארק צוניץ קומען דר. ל. לעווין אין זיין ארבייט.

דער סובמאנופעקטשורער און דער דזשאבער

זייער אנטשטעהונג אין דער קלאוק־אינדוסטריע.

פון מאריס זיגמאן.
פרעזידענט אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן.

2

איידער מיר געהען א טריט ווייטער אין אונזער ערקלערונג וועגען די הויפט אורזאכען וואס האבען געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון דזשאבינג און סאב־מאנופעקטשורינג, איז זעהר וויכטיג צו ווארפען א בליק אויף צוריק, און זיך אפשטעלען פאר א ווײלע אויף יענער צייט, ווען אונזערע יוניאנס זיינען געווען נאר א גאנץ קנאפע קראפט אין דעם לעבען פון אונזער אינדוסטריע.

די קלאוקמאכער, בין איך זיכער, געדענקען, ווי אין אנפאנג סיזאן, ווען מען פלעגט זיך שוין איינזעצען אין די שעפער און ארבייטען רעגעלמעסיג, פלעגט דער מאנופעקטשורער באשטימען דעם פרייז פון יעדען סטייל גארמענט, וואס די ארבייטער האבען דורך דער וואך אויפגעמאכט, און דער ראזינער פרייז, האבען די ארבייטער שוין געוואוסט, איז געווארען דער פרייז פאר'ן גאנצען סעזאן. די קלאוקמאכער מוזען אודאי אויך געדענקען, אז גאנץ אפט פלעגט דער מאנופעקטשורער אראפנעמען פון די באשטימטע פרייזען, ווען איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז זיינע ארבייטער פארדינען אביסעל צופיל. אין די שעפער, וואו עס האבען זיך געפונען ארבייטער, וואס האבען געוואגט — ווייל די געשניטענע פרייזען זיינען זיי געווען גארניט צום הארצען — צוגעהן צום פארמאן, אדער דעם באס, פרעגען ווארים מען האט אראפגענומען דעם פרייז, ווייל, אפילו מיט די אלטע פרייזען מאכט מען קיין לעבען ניט, האבען זיי באקומען דעם ענטפער, אז מען קען די גארמענטס ניט פארקויפען, ווייל די ארבייט קאסט צו טייער. וואס איז דא פארגעקומען? איז דאס, וואס דער מאנופעקטשורער האט געענטפערט געווען ריכטיג?

עס קען זיין אז יא. עס איז מעגליך אז דער באטרעפענדער מאנופעקטשורער איז ניט געווען בכוח צו קויפען זיין רויע ווארע אזוי ביליג ווי דער אנדערער, ווייל ער האט ניט געקענט קויפען אין גרויסע קוואנטיטיס. עס קען אויך זיין, אז ער איז ניט געווען קיין פעהיגער געשעפטס מאן, און געהאט צו גרויסע אווער־העד אויסגאבען און א סך וויסט, א. א. וו. נו, איז אזוי ווי דער ארבייטער און זיין ארבייטס־קראפט זיינען געווען הפקר, האבען די מאנופעקטשורער דאס אויסגענוצט אלס א גוטען קאנקורענץ־מיטעל.

אלטע קלאוק מאכער וועלען אויך געווים געדענקען, ווי דער זאגענאנטער אנשטענדיגער קלאוק מאנופעקטשורער, איידער ער האט געמאכט א שנים אין די ארבייטס־פרייזען, וועלכע ער האט אליין באשטימט אויף די גארמענטס ווען דער סיזאן האט זיך נאר אנגעפאנגען, פלעגט אפט אריינקומען אין שאפ מיט א טעלעגראמע אין האנד, און זאגען צו די ארבייטער: „מיינע סיילסלייט האבען מיר געלאזט וויסען אז זיי קענען ניט פארקויפען". און די ארבייטער האבען שוין פארשטאנען, וואס דער באס מיינט מיט זיין פלוצלונגען פארטרויען די ארבייטער מיט זיינע ביזנעס־אנגעלעגענהייטען.

אנדערש איז געווארען די לאגע, ווען די ארבייטער האבען אויפגעבויעט זייער יוניאן. דער ארבייטער איז געווארען א מיט־בעל דעה אין באשטימען דעם פרייז אויף יעדען גארמענט. די פרייז קאמיטע אין שאפ האט אויסגערעכענט וואס א גארמענט, לויט איהר מיינונג, דארף קאסטען אויפצומאכען, כדי ארבייטער זאלען קענען מאכען א לעבען. דאס האט געבראכט א גאנצע איבערקעהרעניש אין טרייד, און דער מאנופעקטשורער האט זיך מעהר ניט געקאנט לאזען וואוילגעהן אויף דעם חשבון פון די ארבייטער.

און איצט קענען מיר צוטרעטען צו די הויפט אורזאכען, וואס האבען ענטוויקעלט דזשאבינג און סאב־מאנופעקטשורינג. עס איז מעהר אדער ווייניגער אלגעמיין באקאנט, אז יעדער מאנופעקטשורער, אדער א געוויסער צאהל מאנופעקטשורערס ספעציאליזירען זיך נאר אין א געוויסער ליין ארבייט. אין דער קלאוק אינדוסטריע זיינען דא א גוטע ליין, א מיטעלמעסיגע ליין, און א ביליגע ליין, אבער אין יעדער ליין ארבייט, וואס א מאנופעקטשורער מאכט, געפינען זיך פילע גראדען ארבייט. לאמיר דאס קלאר מאכען מיט אן עקזעמפל. א מאנופעקטשורער, וואס, לאמיר זאגען, מאכט א מיטעלען ליין קלאוקס, מאכט אי א סוט אדער א קאוט פאר 12 דאלאר, און אי סוטס און קאוטס, וואס קאסטען 35 אדער 40 דאלאר. די טייערקייט פון דעם פרייז אויף די בעסערע גארמענטס קומט ניט בלויז פון דעם, וואס דער סטייל איז א שווערער און די ארבייט קאסט דערפאר מעהר, נאר ווייל דער שטאף, פון וועלכען די גארמענטס זיינען אויפגעמאכט, איז טאקע פון א בעסערען סארט. עס פארשטעהט זיך דעריבער, אז דער אינוועסטמענט פון דעם מאנופעקטשורער איז פראפארציאנעל גרעסער אין דעם טייערערען גארמענט. ווען די יוניאן איז געווארען מעכטיג גענוג צו קענען זאגען א דעה אין דעם באשטימען פון פרייז פאר דער ארבייט, האט זיך ענטוויקעלט פאלגענדע לאגע:

די פרייז־קאמיטעס אין די שעפער, ווען מען האט געסעטעלט פרייזען, האבען פאר זייער פראטעקציאן געמוזט נעהמען אלס א באזיס דעם בעסערען גארמענט. לאמיר זאגען, אז מען האט אוועקגעשטעלט דעם פרייז פאר דער באדי 90 סענט, איז דאס געווען 90 סענט פאר דער באדי ניט נאר פון דעם גארמענט, וואס ווערט פארקויפט פאר 40 דאלאר, נאר אויך פאר'ן צוועלף דאלאר גארמענט; אויב אין עקסטרא סים איז אוועקגעשטעלט געווארען 10 סענט, א באטאן האל 5 סענט און א פליט 15 סענט, א. ז. וו., איז דאס געווען פאר אלע גארמענטס אין שאפ, מיט דער אויסנאהם, וואס אויף די גארמענטס, וואס זיינען געמאכט געווארען פון מיקסטשור ווארע, האט די באדי געקאסט 10 אדער 15 סענט ביליגער, און אויב זי איז געמאכט געווארען פון סוירדוש, האט זי געקאסט 10 אדער 15 סענט מעהר, אבער אויף די אנדערע סטאנדארד־טיילען, וואס זיינען צוגעקומען צום גארמענט, איז דער פרייז געווען א יוניפארם.

און ווי האט עס געקאנט זיין אנדערש? די שטעפעריי ביים מאשין איז דאך די זעלבע סיי ביי א גוטען און סיי ביי א ביליגערען גארמענט, און די ארבייט וואס דער פינישער מאכט ביים האנד, איז אויך די זעלבע. די ארבייטער האבען דארום זיך ניט געקענט אינטערעסירען מיט דער קוואליטי פון דער ווארע, און דער רעזולטאט איז געווען אז דאס האט אריינגעבראכט א גוואלדיגע אונגלייכקייט פון פראפארציאנעלען קאסט צווישען גארמענט צו גארמענט. אין אנדערע ווערטער, דער ביליגערער גארמענט האט געקאסט אין ארבייט געלד פיל מעהר, ווי דער טייערער גארמענט.

אום אייך דאס צו באווייזען, וועל איך אייך דערמאנען אן די ברוקלין ברידזשעס און פלאכע. די ארבייטער אין שאפ זיינען אלע מאל געווען צופרידענער ווען זיי האבען באקומען די פליינערע, די ביליגערע ארבייט, ווייל אויף דער ארבייט האט מען פארדינט בעסער.

וויפיל צרות דיזע אונגלייכהייט האט געשאפען פאר די ארבייטער און ווי עס האט צוגעבראכען דעם גייסט פון יוניאן־שאפ, איז איבעריג צו פארברייטען זיך וועגען דעם.

דער מאנופעקטשורער האט דעריבער געהאט פאר זיך צוויי פראבלעמען: ערשטענס, די יוניאן, וועלכע ער האט געזעהן אז זי איז געקומען צו שטעהן; צווייטענס, די ניט־גלייכהייט פון די פרייזען אויף די פארשידענע גארמענטס. דערצו איז נאך צוגעקומען נאך א פראבלעם פאר איהם, און דאס איז געווען די ניט־גלייכקייט פון די געסעטעלטע פרייזען צווישען שאפ און שאפ אין דער זעלבער ליין. איהר ווייסט דאך, אז דער פרייז פון דער באדי פון גארמענט, און אלע אנדערע טיילען, די קלאסיפיציערונג פון דעם ליין זעלבסט, איז געווען אפהענגיג פון די ארבייטער פון שאפ און פון זייער פרייז־קאמיטע. עס איז דעריבער אויך אויף דעם געביט געשאפען געווארען א גוואלדיגע קאנקורענץ אין דעם קאסט פון ארבייט. קיין מיטעל ווי דאס אויסצוגלייכען איז ניט געווען, — און איז טאקע אויך אוממעגליך, באזונדערס אונטער דעם סיסטעם פון שטיק־ארבייט. די מאנופעקטשורערס האבען, פארשטעהט זיך, אנגעפאנגען זוכען מיטלען, ערשטענס, ווי אפצושוואכען דעם קאנטראל פון דער יוניאן אין שאפ; צווייטענס, ווי אזוי צו באזייטיגען ווי ווייט מעגליך די האלדשניידערנדע קאנקורענץ צווישען מאנופעקטשורער און מאנופעקטשורער.

עס מוז דא גלייך דערמאנט ווערען, אז נאך בעפאר 1910 האבען עקזיסטירט א קליינע צאהל סאב־מאנופעקטשורערס.

די סאב־מאנופעקטשורערס האבען געארבייט פאר די געוואראנע וויכטיגסטע פיהרער פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן. איך געדענק, אז איך האב אין 1909 געפיהרט א סטרייק געגען א סאב־מאנופעקטשורער, א געוויסען בערגמאן. ער האט געהאט זיין שאפ אין ארטשארד סטריט און האט געארבייט פאר דער פירמע ראבעל, אדער וואיל. ער פלעגט אויפמאכען אביסעל אייגענע סעמפעלס, געשניטען די ווארע ביי זיך אין שאפ און מאכען די ארבייט פאר מאנופעקטשורערס. אויף דעם זעלבינען אופן, ווי די סאב־מאנופעקטשורערס טוען דאס איצט. עס לענט זיך דעריבער אויפ'ן שכל, אז די פיהרער פון דער אסאסיאיישאן, וואס האבען געהאט די סאב־מאנופעקטשורערס, האבען דעם ערשטען סיזאן, ארבייטענדיג אונטער יוניאן־קאנדישאנס, געקענט זיך דערוויסען וועגען די ארבייטס־קאסטען פון זייערע סאב־מאנופעקטשורערס, וועלכע מאכען פאר זיי א געוויסען גרייד ארבייט, און דעם זעלבען גרייד, וואס מען מאכט ביי זיי אין שאפ. אויף אזא שטייגער האבען די פיהרער גלייך געראטען זייערע מעמבערס אריינצוגעהן אין די סאב־שאפס, און אנפאנגען צו מאכען זייער ביליגע ארבייט אויסער דעם איינסייד שאפ, און אזוי האט זיך ענטוויקעלט סאב מאנופעקטשורינג אויף דעם פלאץ פון באנדעל־קאנטראקטארס. און אזוי איז דער מאנופעקטשורער געווארען טייל־ווייז א דזשאבער און נאכהער אין גאנצען א דזשאבער. אין 1912 האבען מיר שוין געהאט אייניגע הונדערט סאב־מאנופעקטשורערס און א גרויסע צאהל דזשאבערס, און די יוניאן האט שוין געגען זיי געפיהרט א קאמף.

דזשאבערס אין קלאוק־טרייד זיינען שוין געווען מיט יאהרען פריהער, אבער זיי האבען געטאן זייער ביזנעס ניט ווי יעצט. זיי פלעגען קויפען פון דעם מאנופעקטשורער. ווען די סאב־מאנופעקטשורערס האבען זיך אנגעפאנגען ענטוויקלען, האבען זיי, נאטירליך, געהאט א פארלאנג צו ווערען זעלבסטשטענדיגע מאנופעקטשורערס. ניט האבענדיג אבער גענוג געלד צו קויפען גענוג אייגענע ווארע און געהן מיט זייער אויפגעמאכטער ארבייט דירעקט צום מארקעט, האבען זיי אנגעפאנגען פערלען מיט זייערע סטיילס צווישען מאנופעקטשורערס און דזשאבערס. דאס האט די דזשאבערס געגעבען די נויטיגע געלעגענהייט. זיי האבען זיך אריינגעלאזט מעהר אין קויפען רויע ווארע. דער סאב־מאנופעקטשורער האט, זא צו זאגען, פון זיי געקויפט די ווארע, און דער דזשאבער, הייסט דאס, האט צוריק געקויפט די אויפגעמאכטע ארבייט. אויף אזא אופן האט זיך דער סאב־מאנופעקטשורער ארויפגעארבייט צו זיין יעצטיגער גאלדענער לאגע, ווי זיי אליין דערצעהלען עס דורך די טרייד־צייטונגען.

די פאלגען, וואס די גאנצע איבערקעהרעניש האט געבראכט פאר די ארבייטער־קאנדישאנס אין טרייד, וועגען דעם האב איך שוין גערעדט אויף די פילע מיטינגען פון אונזערע לאקאלס און ביי די דזשוינט באארדס און דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל. אין דער „גערעכטיגקייט" האט דער רעדאקטאר און פילע אנדערע געשריבען וועגען דעם.

אין מיין נעקסטען ארטיקעל וועל איך צוטרעטען צו דער הויפט־פראגע, ווי קען מען דיזע פראבלעמען לעזען און צוריק אוועקשטעלען בעסערע קאנדיציאנען פאר די ארבייטער אין דעם טרייד.

לאקאל 91 גרייט זיך צו א נייעם קאמפיין.

(שלוס פון זייט 1.)

א פארשטענדיגונג מיט דער אמאלגאמייטעד, האט די אמאלגאמייטעד אפיציעל ערקלעהרט, אז זי גיט איבער די פולע דזשוריסדיקשאן איבער די בעטהראוב־ארבייטער צו לאקאל 91 פון דער אינטערנעשאנאל. דער וועג איז דארום פריי און די יוניאן איז ענטשלאסען אויפצונעהמען נאך א שטארקען קאמפיין פאר די יוניאניזירונג פון די בעטהראוב־ארבייטער, און מאכען א סוף צו די שרעקליכע צושטענדע, וואס הערשען אין די בעטהראוב־שעפער.

ברודער גרינבערג, מענעדזשער פון לאקאל 91, ענדיגט זיין באריכט וועגען דעם און זיין צורוף צו אלע מעמבערס פון דער יוניאן צוצולעגען א האנד און זיך פארשרייבען אין דער גרויסער ארמעע מיט פאלגענדע ווערטער:

„אונזער שלאכט־רוף מוז זיין:

יעדער בעטהראוב־ארבייטער א יוניאן־מעמבער!

„יעדער בעטהראוב־שאפ א יוניאן־שאפ!".

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
VOL. V. No. 30. — New York, Friday, July 27, 1923.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

קלאוקמאכער אין באלטימאר גע-ווינען זייער קאמף.

אונזער נבואה מיט פיר וואכען צוריק, אז דער באלטימארער סטרייק וועט ניט געדויערן לאנג; אז די באלטימארער קלאוקמאכער וועלען קעמפען אזוי בראוו און אזוי ענטשלאסען, אז זייערע בעלי בתים וועלען באלד איינזעהן, אז זיי קענען קיינמאל ניט געווינען, און אז דאס קלינסטע פאר זיי וועט זיין נאכצוגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון דער יוניאן — די דאזיגע נבואה איז מקוים געווארען אין יעדען פרט. דער גאנצער קאמף האט אנגעהאלטען בלויז קארגע 3 וואכען; די קלאוקמאכער אין באלטימאר אין זייער גרויסער מאיאָריטעט האבען זיך ווידער אנגעשלאסען אן זייער יוניאן, און פונקט ווי זיי זיינען ארויס פון זייערע נים-יוניאן שעפער אויף דעם סיגנאל פון זייער יוניאן, אזוי האבען זיי לעצטע וואך אויף דעם סיגנאל פון זייער יוניאן זיך צוריקגעקעהרט אין זייערע שעפער, וועלכע זיינען איצט פולשטענדיגע יוניאן-שעפער. און אין וועלכע זייער ארבייט וועט ניט זיין מעהר הפקר, ווי ביז איצט. נאר פארשטענדיג אונטער דעם שוץ פון דער יוניאן.

♣

דער באלטימארער קלאוקמאכער האט דורך זיין איצטיגען קאמף זיך ריינגעוואשען פון דער גרויסער שולד, צו האבען פארראטען זיין יוניאן און זיך. ער קען איצט קוקען מיט שטאלץ אין פנים פון אלע זיינע ברידער און שוועסטער פון דער גרויסער אינטערנעשאנאל. יע, דער קלאוקמאכער פון באלטימאר האט געזינדיגט, שטארק געזינדיגט, אבער ער האט דורך זיין קאמף ארויסגעוויזען, אז ער האט אנערקענט זיין זינד, און דאס ער האט שטארק חרטה. דער באלטימארער קלאוקמאכער איז א גרויסער בעל-תשובה. און אלס אזעלכער, איז ער ווידער ווילקאמען אין אונזערע רייהען, און איז בארעכטיגט צו דער גאנצער פריינדשאפט און אכטונג, ווי יעדער גוטער בראווער יוניאן-מאן.

♣

עס איז אמת, דאס אפילו אין די ערגסטע צייטען האט זיך אונזער אינטערנעשאנאל ניט אפגעקעהרט פון איהם. פארקעהרט, זי האט מיט אלע כחות געהאלפען איהם זיך אויפצוהויבען פון דעם נידריגען מצב, אין וועלכען ער איז געווען פארזונקען. יעדער באלטימארער קלאוקמאכער וועט עדות זאגען, אז אין דעם איצטיגען קאמף איז עס געווען די אינטערנעשאנאל, וועלכע איז געווען אין סאמע פראנט, ניט אכטענדיג אויף קיינע שוועריגקייטען און קיינע געפאהרען. אבער וועהרענד ביז איצט האט די אינטערנעשאנאל געפיהלט צו איהם, ווי צו א געפאלענעם, ווי צו איינעם, וואס איז אראפ פון גלייכען וועג, ווי צו איינעם, וואס האט זיך ארויסגעוויזען צו שוואך אין דעם קאמף מיט עקספלואטאציע פאר א בעסערען, א שעהנערען מענשליכען לעבען, אזוי דאס אין דער הילף, וואס זי האט איהם געגעבען, איז געווען א געמיש פון רחמנות מיט א באדייטענדער דאזע פון פאראכטונג, איז אבער איצט דאס געפיהל פון דער אינטערנעשאנאל א גאנץ אנדערער; א געפיהל פון אמת'ער ברידערליכקייט, א געפיהל פון אכטונג און רעספעקט, ווי מען פיהלט צו איינעם, וואס מען האלט פאר זיין גלייכען. פארגעסען און פארגעבען איז די אמאליגע זינד, די שוואכקייט, די אונטערוואַרפענקייט. דער ענגער שמאלינקער עגאאיזם פון דעם אמאליגען באלטימארער קלאוקמאכער. איצט שטעהט פאר אונז דער בראווער קעמפער, דער גרויסער בעל-תשובה, צו וועמען מיר פיהלען די גרעסטע אכטונג און די ווארימסטע פריינדשאפט.

♣

מיר זיינען איבערצייגט, אז דער קלאוקמאכער אין באלטימאר פיהלט דאס זעלבע, און אז די געפאהר, אז ער זאל צוריקפאלען אין זיין אמאליגער נאכלעסיגקייט בנוגע צו דער יוניאן, איז זעהר, זעהר א ווייטע. טאמער זיינען דא נאך שפורען אין איהם פון דעם העסליכען אמאל, וועט ער זיכער זארגען אויסצוראטען זיי מיט אלע זיינע כחות. ער וועט פון איצט אן און ווייטער זעהן וואס מעהר און מעהר אנטוויקלען און קולטיווירען דעם אמת'ען גייסט פון יוניאניזם, פון דעם גרויסען געפיהל פון „איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם“. ווארים די באלטימארער קלאוקמאכער האבען ספּיציעל קיינמאל ניט אויפגעהערט צו זיין קיין יוניאן-לייט. אבער זיי זיינען געווען יוניאן-לייט אהן דעם אמת'ען גייסט פון יוניאניזם. עס האט געפעהלט צווישען זיי דער עכטער יוניאן-געפיהל פון אחדות, פון פריינדשאפט, אהן וואס יעדע יוניאן איז בלויז א פוסטע שאלכץ. גערופען האבען זיי זיך יוניאן-לייט, אבער געהאנדעלט האבען זיי לויט דעם פרינציפ: מעגען אלע געהן צום טייפעל, אבי איך זאל מאכען מאן עפעס געווינען. דער רעזולטאט פון אזא האנדלונג איז געווען, דאס אלע האבען פארלארען. אט דער גייסט, דער שמאלער עגאאיזם, וואס איז סם המות פאר דער יוניאן, מוז אין גאנצען מיט'ן ווארצעל ארויסגעריסען ווערען און א גייסט פון אמת'ער איינינקייט און ברידערליכקייט מוז פארנעהמען זיין פלאץ. נאך דעם, ווי דער סטרייק איז געוואונען געווארען, האט די אויפגעלעבטע יוניאן געהאלטען פאר נויטיג אויסצודריקען איהר דאנקבארקייט צו איהרע פיהרער, די ברידער האלפערן און גאלדבערג און אנדערע דורך דאנק-רעזאלוציאנען אין דורך שעהנע פרעזענטען. דאס איז געווים גאנץ שעהן פון דער יוניאן צו אנערקענען די ארבייט, די שווערע ארבייט, וואס איינער טוט. און מיר זיינען זיכער, אז די פיהרער שעצען די דאזיגע אנערקענונג. אבער מיר זיינען נאך מעהר זיכער, אז די בעסטע אנערקענונג פאר די פיהרער, און וואס זיי וועלען שעצען מעהר ווי אלץ, מעהר ווי די דאנק-רעזאלוציע און מעהר, ווי די פרעזענטען, וועט זיין די, ווען די איצטיגע שעהנע יוניאן, וואס איז דא, וועט בלייבען אין איהר גאנצער קראפט, און זיך נאך אלץ מעהר און מעהר פארשטארקערען. און דאס קען נאר זיין, ווען יעדער איינציגער וועט זיין אן אמת'ער יוניאן-מאן ניט נאר דערמיט, וואס ער וועט פינקטליך צאהלען זיינע דיוס, ניט נאר דערמיט, וואס ער וועט באזוכען דעם יוניאן-מיטינג, נאר ווען ער וועט אין זיין גייסט, אין זיין נשמה, מיט לייב און לעבען ווערען אן אמת'ער יוניאן-מאן; ווען ער וועט אפהיטען די אינטערעסען פון זיינע יוניאן-ברידער אין שאפ פונקט, ווי זיינע איינענע; ווען ער וועט פיהלען זיך איינס און אונגעטיילט מיט זיין יוניאן און מיט דער אינטערנעשאנאל, פון וועלכער זיין יוניאן איז א טייל, און פון דער גאנצער ארבייטער-באוועגונג.

♣

מיר האפען, אז די באלטימארער קלאוקמאכער וועלען ניט נעהמען פאר אמגוט אונזערע עטליכע מוסר-ווערטער, ווארים ווער ווייס נאך אזוי גוט, ווי זיי, אז די ארט און ווייזע פון זייער פריהערינער פיהרונג און פון זייער אמאליגען פיהלען האט זיי געפיהרט באלד צו זייער רואין? זיי וועלען דארום פארשטעהן, אז דאס, וואס מיר זאגען דא, איז גענומען פון טיפען הארצען, און אלס אן אויסדרוק פון דער טיפסטער פריינדשאפט און פון דעם אויפריכטיגען וואונש, אז ניט נאר זאלען זיי אויפהאלטען אלץ, וואס זיי האבען דורך זייער לעצטען סטרייק געוואונען, נאר געהן אלץ ווייטער און ווייטער אויף דעם וועג פון זייער פולשטענדיגער באפרייאונג.

♣

דערווייל אבער טאר בשום אופן ניט אונטערשעצט ווערען דאס, וואס דער איצטיגער קאמף האט מיט זיך געבראכט. ערב דעם סטרייק זיינען געווען אין גאנץ באלטימאר בלויז זעלם שעפער, וואו די יוניאן האט געהאט א שטיקעלע דעה. איצט זיינען דא 27, אזוי, דאס בלויז דריי שעפער אין באלטימאר האבען זיך נאך ניט אונטערגעגעבען, וואס דאס איז אויך בלויז א פראגע פון טעג. ערב דעם סטרייק זיינען אין דער יוניאן געווען בלויז איבער הונדערט גוטשטעהענדע מיטגלידער. איצט זיינען אין דער יוניאן דא באלד 500 מיטגלידער. אין די שעפער פון די 80 וואס זיינען דא אין באלטימאר, הערשען פולשטענדיגע יוניאן-צושטענדע; וואך-ארבייט, א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, א העכערונג פון וויידזשעס פון א דאלאר ביז זעקס פאר עטליכע הונדערט ארבייטער. ווען מען בארעכענט, אז באלטימאר איז פון פילע כמעט ווי אויסגעגעבען געווארען, און אז די בעלי בתים זיינען געווען זיכער, דאס קיינמאל, קיינמאל וועט זיי שוין מעהר די יוניאן ניט טרעבלען, דאן ווערט דער איצטיגער געווינס ווירקליך א גרויסער זיג. אבער טאקע דאס גופא, וואס דאס אלעס איז אויסגעפיהרט געווארען דורך א סטרייק פון קארגע 3 וואכען, איז דער בעסטער באווייז, אז די שולד אין די מיזעראבלע צושטענדע טאר מען ניט ארויפווארפען איינגאנצען אויף די באלטימארער קלאוק-מאנופעקטשורער... און דערפאר ווילען מיר האפען, אז איצט וועט די יוניאן קיינמאל ניט דערלאזען, אז עס זאל ווידער אמאל קומען צו דער זעהר שפלע'ער לאגע, אין וועלכער דער קלאוקמאכער אין באלטימאר האט זיך געפונען ביז פאר דעם סטרייק.

♣

וואס ווידער אנבאטרעפט די דריי שעפער, וואס מיינען, אז זיי קענען בלייבען אן אויסנאהם אין באלטימאר, און אנגעהן מיט זייער סוועטעריי, ווי אין די אמאליגע צייטען, וועלען זיי באלד אויסגעפינען, אז זיי מאכען זייער חשבון אהן דעם בעל-הבית. דער פאקט איז, אז די יוניאן איז ענטשלאסען אנצופיהרען איהר קאמף געגען דיזע שעפער מיט איהר גאנצען כח, אזוי לאנג, ווי אויך די לעצטע דריי שעפער וועלען ניט זיין אונטער פולען יוניאן-קאנטראל. זאלען זיי ניט מיינען, אז זיי קענען לאנג זיך האלטען דורך פארשיידענע טריקס, ווי איינפיהרען כלומרשט א 40-שטונדיגע ארבייטס-וואך, און דורך צאהלען די ארבייטער פונקט אזעלכע וויידזשעס, ווי דאס קריגען די ארבייטער אין די יוניאן-שעפער, ווי דאס טוט ווירקליך איין קלאוק-מאנופעקטשורער, אום אפצוהאלטען זיינע ארבייטער פון אנשליסען זיך צו דער יוניאן און ארויסגעהן אין סטרייק. דער דאזיגער מאנופעקטשורער ווייס גאנץ גוט, אז מיט דעם אליין דעמאנסטרירט ער דעם גרויסען זיג פון דער יוניאן. ווארים יעדער פארשטעהט, אז קיינמאל וואלט ער ניט באוויליגט א 40-שטונדיגע ארבייטס-וואך און אנשטענדיגע וויידזשעס פאר זיינע בעלי-מלאכות, ווען איבער איהם וואלט ניט געהאנגען דער יוניאן-חלף. נאר געוויס מיינט ער, אז דאס וועט לאנג ניט אנהאלטען. און אזוי שנעל, ווי די יוניאן וועט אפווענדען איהר וואכענדיגע אויג, וועט ער ווידער איינפיהרען די אמאליגע סוועטעריי. אבער ער נארט זיך. ער וועט עס באלד אויסגעפינען. און דאן וועט ער מוזען זיך אונטערגעבען. און אריינטרעטען אין פארהאנדלונגען מיט דער יוניאן. דאס זעלבע וועט אויך מוזען פאסירען מיט די אנדערע צוויי מאנופעקטשורערס. יע, באלד, באלד וועט דער זיג פון דער באלטימארער קלאוקמאכער יוניאן זיין אזוי פאלקאם, אז זי וועט דינען אלס א מוסטער פאר אלע אנדערע יוניאנס אין באלטימאר און אנדערשוואו.

דער שיקאגא'ער אינדזשאנקשאן געגען דער אינטערנעשאנאל.

צו זאגען, אז מיר זיינען שטארק איבערראשט פון דעם וואס דער שיקאגא'ר דרעס-מאנופעקטשורער, מר. מיטשעל, האט דאך אויסגעפיהרט צו קריגען אן אינדזשאנקשאן געגען דער אינטערנעשאנאל, קענען מיר ניט. אז אטוירני דזשענעראל דאהערטי האט געקענט אויספיהרען צו קריגען פון ריכטער ווילקערסאן אן אינדזשאנקשאן געגען די שאפמען-סטרייקער, וואס האט פשוט פארוואנדעלט אונזער גאנצע קאנסטיטוציע מיט אלע איהרע גאראנטירטע מענשליכע רעכטע און פרייהייטען אין א „סקרעפ און פייפער“, איז עס א קנאפער וואונדער, אז עס זאל זיך געפינען א צווייטער ריכטער, וואס זאל זיך מתקנא זיין אן ריכטער ווילקערסאן, און ווייזען, אז אויך ער קען זיין אזא העלד. אמת, די טענות פון באס מיטשעל זיינען משונה'דיגע, אונזיניגע. אבער טאקע דערפאר, וואס משונה'דיגער און אונזיניגער עס זיינען די טענות פון א באס, דאס גרעסער איז די העלדישקייט צו טאן איהם די טובה, און איהם ארויסגעבען אן אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן.

♣

מיר האבען שוין אין דער „גערעכטיגקייט“ פון לעצטער וואך איבערגעגעבען די הויפט-גרינדע פון באס מיטשעל, אויף וועלכע ער האט באזירט זיין פאדערונג פאר אן אינדזשאנקשאן געגען דער אינטערנעשאנאל. מיר האבען אבער דאן נאך ניט געהאט פאר זיך דעם גאנצען אינדזשאנקשאן-ביל אין זיין גאנצער לענג און ברייט. איצט האבען מיר עס יע, און זיין אינהאלט וועט איבערגעגעבען ווערען אין קורצען אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער. דא ווילען מיר נאר אנווייזען אויף איין פונקט, וואס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר באס מיטשעל, וואס האט געפאדערט דעם אינדזשאנקשאן, און סיי פאר דעם ריכטער, וואס האט איהם באוויליגט. דער פונקט, זעהט איהר, האט אונז ווירקליך איבערראשט. מיר האבען געמוזט איבערלייענען עס א פאר מאל, אום צו זיין זיכער, אז מיר מאכען קיין טעות ניט. ווארים אין דעם פונקט ערקלעהרט באס מיטשעל די ארבייטער, וואס ארבייטען אין זיין שאפ, אלס זיין א י י ג ע נ ט ו ם, און דערפאר באטראכט ער זייער ארבייט, וואס זיי טוען פאר איהם, אלס זיין אייגענטום-רעכט.

♣

עס איז א מעהר אדער ווייניגער ווערטערליכע איבערזעצונג פון דער דאזיגער טענה:

„דער פעטישאנער (דער, וואס פארלאנגט דעם אינדזשאנקשאן געגען דער אינטערנעשאנאל) רעכנט, דאס ער איז בארעכטיגט צו דער ארבייט פון זיינע ארבייטער, מ י ט ד ע ר א ו י ס ש ל י ס ו נ ג פ ו ן א ל ע ק א נ ק ו ר ע נ ט ע ן, מ י ט ד ע ר א ו י ס ש ל י ס ו נ ג פ ו ן י ע ד ע ר ש ט ע ר ו נ ג ד ו ר ך א י ר ג ע נ ד ו ו ע ל כ ע א נ ד ע ר ע פ ע ר ז א ן. און דער פעטישאנער באהויפטעט, אז דאס רעכט צו אזעלכע דינסטע פון זיינע ארבייטער, וואס האבען אונטערגעשריבען דעם אגרימענט, איז זיין א י י ג ע נ ט ו ם - ר ע כ ט“.

♣

אלזא, באס מיטשעל גיט אפען צו, אז זיינע ארבייטער זיינען זיינע שקלאפען; אז זיי און זייער ארבייט באטראכט ער, אלס זיין אייגענטום. און אז די אינטערנעשאנאל איז עס געקומען צו בארויבען איהם פון זיין אייגענטום-רעכט. דארום פאדערט ער אן אינדזשאנקשאן, וואס זאל באשיצען זיין אייגענטום פון די רויבער. און אז דער דזשאדזש האט איהם באוויליגט דעם אינדזשאנקשאן, הייסט עס, אז דער דזשאדזש, דער רעפרעזענטאנט פון געזעץ און רעכט, איז פון דער זעלבער מיינונג, ווי דער דרעס-מאנופעקטשורער מיטשעל, אז דער ארבייטער און זיין ארבייט זיינען דער אייגענטום פון דעם באס. און דאך זאגט מען אונז, אז שקלאפעריי איז שוין לאנג צוריק אפגעשאפט געווארען אין אמעריקא! קען עס זיין אמת, אין דעם ליכט פון דעם דאזיגען אינדזשאנקשאן מיט אלע זיינע טענות? שקלאפעריי מיינט דאך ניט קיין אנדער זאך, ווי דאס רעכט פון איינעם אויף די ארבייט פון א צווייטען, מיט דער אויסשליסונג פון אלע אנדערע. דאס הייסט, אז יאנקעל, וואס איז דער אייגענטום פון חיים'ען, טאר ניט ארבייטען פאר קיין אנדערען, ווי נאר פאר חיים'ען. נון, מר. מיטשעל באהויפטעט, אז ער האט דאס דאזיגע רעכט אויף די ארבייט פון זיינע ארבייטער. אויסער פאר איהם, טארען זיי פאר קיינעם ניט ארבייטען. זייער ארבייט איז זיין אייגענטום. נו ווי אנדערש קען מען עס רופען, אויב ניט שקלאפעריי? און דארום זיינען מיר פון דער מיינונג, אז מיט דער באוויליגונג פון דעם דאזיגען אינדזשאנקשאן געגען דער אינטערנעשאנאל, ווערט צוריק איינגעפיהרט שקלאפעריי אין אמעריקא. מיט דעם דאזיגען אינדזשאנקשאן פארלירט דער ארבייטער אלע זיינע מענשליכע רעכטע און ווערט א שטיק אייגענטום פון דעם באס. דערפאר איז, לויט אונזער מיינונג, דער איצטיגער אינדזשאנקשאן גאר עטוואס אנדערעס, ווי אלע אנדערע אינדזשאנקשאנס, וואס זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון די קאורטס געגען די יוניאנס אין זייערע קעמפע פאר א בעסערען לעבען. דאס איז אן אינדזשאנקשאן, וועלכער לייקענט אפ דעם מענשען'ס רעכט אויף זיין ארבייט, און וועלכער ערקלעהרט, אז א מענש האט א רעכט צו ק ו י פ ע ן אלס זיין אייגענטום א צווייטען מענשען, קוים האט ער געפונען איינעם, וואס איז געווען ווילינג זיך צו פארקויפען.

♣

אז דאס איז אזוי, און אז דאס קען אנדערש נאר נים אויסגעטייטשט ווערען, איז קלאר פון א צווייטען פאראגראף אין דעם דאזיגען אינדזשאנקשאן-ביל. דארט באקלאגט זיך דער פעטישאנער פאר'ן ריכטער, אז א דאנק דעם ארגאניזיישאן-קעמפיין פון דער אינטערנעשאנאל האבען פילע פון זיינע ארבייטער פארלאזען זיין שאפ און האבען געבראַכען דעם אגרימענט, וואס זיי האבען אונטערגעשריבען. וואלטען די ארבייטער באטראכט געווארען פון באס מיטשעל, אלס פרייע מענשען, וואלט ער דאך זיי באדארפט פארקלאגען פאר ברעכען דעם אגרימענט, וואס זיי האבען אונטערגעשריבען. איז אבער דאס טוט ניט באס מיטשעל. די ארבייטער, וואס

ענגלאנד אלס שלום-מאכערין

פון א. זעלדין.

ענגלאנד איז שוין צוריק אין איהר היסטארישער ראלע אלס שלום-מאכערין, און דעם מאל צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד.

די לעצטע פאר וואכען איז די פרעסע פול מיט קלאנגען און אפקלאנגען וועגען דער נייער שלום-באוועגונג, וואס פרעמיער באלדווין האט אנגעפאנגען. עס זיינען פארגעקומען פארהאנדלונגען, געהיימע נאטירליך, צווישען לאנדאן און פאריז, לאנדאן און בריסעל, לאנדאן און רוים און אפילו צווישען לאנדאן און וואשינגטאן. די ידיעות האבען גאנץ אפט ווידערשפראכען איינע די אנדערע. איין טאג איז אויסגעקומען, אז ענגלאנד האט געוואונען איטאליען און בעלגיען אויף דער זייט פון שלום, און אויף מארגען איז דאס אפגעלייקענט געווארען. עס איז אויך פיל גערעדט און געשריבען געווארען וועגען די חלוקי דעות אין די רייהען פון דער הערשענדער ענגלישער פארטיי, די טארים. א טייל פון זיי, די מעסיגערע, זיינען הייסט עס אויף דער זייט פון פרעמיער באלדווין — פאר שלום, און א צווייטער טייל, די רעאקציאנערע, אדער די „דאי הארדס", זיינען אויף דער זייט פון פראנקרייך. אט דער קאנפליקט האט זיך אפגערופען אויף דעם קאבינעט, וואו עס איז פארגעקומען א קאמף וועגען דעם טאן און דעם אינהאלט פון דער שלום-נאטע. די „דאי הארדס" זאלען דאס האבען פארלאנגט, אז די נאטע זאל פארמילדערט ווערען, פארוואסערט ווערען, און פרעמיער באלדווין, פארקעהרט, האט פארלאנגט זי זאל געמאכט ווערען וואס שטארקער.

ענדליך איז די נאטע שוין אפגעשיקט געווארען צו אלע פארבינדעטע אין דער מלחמה, און עס איז ווידער שטיל געווארען. דער אינהאלט פון דער נאטע ווערט געהאלטען אין געהיים אויף דעם גרונד אז דאס קען שעדיגען דער שלום-זאך און דער גרויסער עולם ווייס גארנישט.

אבער דאס איז קיין נייעס ניט. דיפלאמאטיע האט ליב סודות. דאס גיט איהר די געלעגענהייט ארויסצושטעלען פריוואטע אינטערעסען אלס נאציאנאלע אינטערעסען אין דער צייט פון א נאציאנאלען קריזיס, און דאס מאכט פאר איהר מעגליך צו וועקען דעם גרויסען עולם צו געהן שלאגען זיך פאר אינטערנאציאנאלע באנקירען און קאנצעסיאנערען אונטער דעם לאזונג, אז זיי געהען פארטיידיגען דאס פאטערלאנד. אין דעם פאל, אזוי גוט ווי אין א סך אנדערע, וועלען די דיפלאמאטען זיך ווענדען צום גרויסען עולם ערשט דאן ווען זיי וועלען מוזען אנקומען צו וואפען, און דאן אויך וועלען זיי צודרעהען און פארפלאנטערען די זאך, צונעבענדיג איהר א פאטריאטישען און נאציאנאלען אפיל. ביז דאן קענען זיי זיך באגעהן אהן איהם.

די בעסער אינפארמירטע, די וואס פאלגען נאך אויפמערקזאם די אינטערנאציאנאלע פארהעלטעניסע, ווייסען געוועהנליך יא וועגען וואס עס האנדעלט זיך, און דער פאל איז אויך קיין אויסנאהם ניט. זיי ווייסען עס, ערשטענס, פון די שטיקלאך און ברעקלאך, פון די סודות, וואס די דיפלאמאטען אליין טיילען צו פון צייט צו צייט צום גרויסען עולם כדי פארצובערייטען איהם פאר דעם פארשטעהענדיגען קאנפליקט, און, צווייטענס, פון זייער באקאנטשאפט מיט די מעטאדען פון דער דיפלאמאטישער שפיל. געהיים ווי די דיפלאמאטיע איז, זיינען אבער איהרע מעטאדען גאנץ באשטימטע, און איינמאל האט איהר זיך מיט זיי באקאנט, קענט איהר זיי שוין נאכפאלגען מיט א גאנץ באשטימטער פינקטליכקייט.

אין דעם פאל, ווייס מען אויך, אז ענגלאנד איז גאר ניט אזוי אויסען שלום צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד.

דער שלום-לאזונג איז ניט מעהר ווי א דיפלאמאטישער מאנעוור צו שפילען אויף די סענטימענטען פון גרויסען עולם. אין דער אמת'ען האנדעלט זיך דא וועגען א סך א וויכטיגערען ענין — די אלטע קאנקורענץ צווישען ענגלאנד און פראנקרייך פאר דער הערשאפט פון דער וועלט.

אין אנדערע ווערטער — ענגלאנד האט דערפיהלט, אז איהר דאמינירענדע ראלע אין דער וועלט ווערט איצט געדראהט פון פראנקרייך, און זי זוכט דאס צו פארמיידען. הייסען הייסט עס שלום צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד אין די אינטערעסען פון וועלט-פרידען און קאמערץ. אין דער אמת'ן מיינט עס — צו האלטען פראנקרייך אין געוויסע גרענעצען, וואס זאל זי מאכען אומשעדליך פאר ענגלאנד.

ווען מען רעדט דא וועגען ענגלאנד דארף מען דא פארשטעהן דעם ענגלישען אינדוסטריעלען און סוחרים קלאס. דער קלאס איז איצט דער דאמינירענדער אין ענגלאנד. דער אריסטאקראטישער קלאס, דער קלאס פון די גרויסע לאנד-אייגענטימער. האט זיך זיינע חשבונות און ער איז דעריבער מעהר גענייגט אויף דער זייט פון פראנקרייך. אט דער קלאס איז גוט פארטראטען אין די אזוי-גערופענע „פריינט פון פראנקרייך און ענגלאנד" און באקעמפט זיין אייגענע רעגירונג. ער איז אבער ניט שטארק גענוג צו האבען די אויבערהאנט.

עס האנדעלט זיך דא אייגענטליך וועגען דעם רוהר.

ווי עס איז באקאנט האבען די פראנצויזען פארכאפט דעם רוהר אומגעפעהר מיט א זעקס חדשים צוריק. געהייסען האט עס, אז זיי זיינען אריין אין רוהר כדי צו צווינגען די דייטשען צו צאהלען שאדענערזאץ. אין דער אמת'ן האבען זיי, אדער ריכטיגער, די פראנצויזישע מעטאלורגיסטען, געהאט א סך ערנסטערע אבזיכטען. זיי זיינען אריין אין רוהר כדי צו פארכאפען די רוהר-קויהלען, וואס איז נויטיג פאר דעם אייזען אין לאטארינגען. אייזען און קויהלען זיינען זעהר נאהענטע מחותנים און זיינען זעהר נויטיג צום שידוך. דער צוועק איז געווען צוצונעהמען ביי דייטשלאנד די שטאהל-אינדוסטריע, וואס איז געווען די גרעסטע אין אייראפא פאר דער מלחמה און האט איבערגעשטיגען די ענגלישע.

די דייטשען האבען אויף דעם געענטפערט מיט א פאסיווען ווידערשטאנד. אין אנדערע ווערטער — זיי האבען געענטפערט די פראנצויזען אומגעפעהר אזוי: איהר ווילט א שטאהל-אינדוסטריע טא געהט, זייט מוחל, און באארבייט זי אליין. מיר וועלען דאס פאר אייך ניט טאן. דאס איז געווען דייטשלאנד'ס וויכטיגסטע וואפע, ווייל די פראנצויזען האבען זיך אויסגעצייגט פאר ניט קיין גרויסע בריות צו ארגאניזירען און אפערירען אזא קאמפליצירטע אינדוסטריע, ווי די דייטשע שטאהל-אינדוסטריע. די פראנצויזען האבען אויפ'ן פאסיווען ווידערשטאנד געענטפערט מיט א בלאקאדע. זיי האבען פשוט זיך גענומען אויסהונגערען די דייטשען ווי זאלען זיך אונטערגעבען. און אזוי האלט עס אין די גאנצע צייט. די דייטשען סטרייקען און די פראנצויזען ווילען זיי אויסהונגערען.

ענגלאנד איז די ערשטע צייט געשטאנען אלס א פאסיווער ביישטעהער. איהר איז גארניט געווען געפעהלען פראנקרייך'ס ארייננדרינגונג אין רוהר, אבער איהרע הענט זיינען געווען פול מיט טערקיי. די טערקען האבען צושלאגען די גריכען, די ענגלישע אגענטען אין טערקיי, און עס פארשטעהט זיך, אז ענגלאנד האט ניט געקאנט נעהמען א פעסטע שטעלונג צום רוהר אזוי לאנג, ווי די טערקישע פראגע איז ניט געלייזט געווארען. חוץ דעם, זאגט מען, האט ענגלאנד מורא פאר דעם פראנצויזישען לופט-פלאט, וואס קען אין א פאר שטונדען פארניכטען גאנץ לאנדאן. אלזא, זי האט געמוזט שווייגען, ווי אומאנגענעהם דאס איז פאר איהר ניט געווען. עס איז דאך קלאר, ווען פראנקרייך וואלט געלינגען צו פארכאפען און דאמינירען די דייטשע שטאהל-אינדוסטריע וואלט זי געווארען די שטארקסטע מאכט אין אייראפא און וואלט געקאנט רעדוצירען ענגלאנד צו א קלענערע ראלע.

ענגלאנד האט אבער געשוויגען ניט מעהר ווי א פאר חדשים, ביז וואנען די טערקישע פראגע האט זיך אביסעל אויסגעלייטערט. דאן האט זי אנגעפאנגען די שלום-באוועגונג. דער צוועק איז זעהר א קלארער — ארויסצוזעצען די פראנצויזען פון רוהר. מיט אן עקאנאמיש זעלבסטשטענדיגער דייטשלאנד פון איין זייט און מיט א מיליטערישער פראנקרייך פון דער צווייטער וואלט ענגלאנד ווידער געהאט איהר אלטען פארצוג, וואס זי האט אזוי גוט אויסגענוצט, צו האלטען דעם באלאנס פון מאכט אין איהרע הענט. זי איז אהיים צוריקגעקריגען איהר אלטע היסטארישע פאזיציע און זי מיינט עס, ווי עס זעהט אויס, גאנץ ערנסט.

פון דער צווייטער זייט זעהט אויס, אז די פואנקארע רעגירונג איז ניט ווייניגער ענטשלאסען צו בלייבען אין רוהר. פואנקארע טענה'ט, אז עס וואלט געווען א גליק פאר דער מענשהייט ווען דייטשלאנד'ס קויהלען וועט אריבער צו פראנקרייך. אין גענעראל זעהט די וועלט זיין ווידער אויסגעזעצט צו דער געפאהר אז דייטשלאנד זאל זי וועלען באהערשען פאליטיש און עקאנאמיש. עס איז דא א סך אמת אין דעם. שטאהל און קויהלען זיינען איצט די דיקטאטארס אין אינטערנאציאנאלער פאליטיק. ווען דייטשלאנד זאל קריגען די מעגליכקייט צוריק אויפצולעבען איהרע אינדוסטריען און ארייננטרעטען אלס פאקטאר אין אינטערנאציאנאלען האנדעל וואלט זי ווידער געווארען א גרויסע מיליטערישע און עקאנאמישע מאכט.

דאס פארשטעהט ענגלאנד אויך גאנץ גוט. פון דער צווייטער זייט איז אבער ניט ווייניגער אמת, אז ווען פראנקרייך זאל קריגען דעם קאנטראל איבער דער שטאהל-אינדוסטריע אין אייראפא וואלט זי געווארען די שטארקסטע מאכט און וואלט געקענט אלעמען דיקטירען איהרע באדינגונגען. און דאס אייגענטליך וויל ענגלאנד, דאס הייסט די אינדוסטריעלע און סוחר'ישע ענגלאנד, פארמיידען.

איהרע אינטערעסען פאדערען צו האבען דייטשלאנד און פראנקרייך אלס אייביגע אפאנענטען און זי וואלט דאן געווען צופרידען מיט דער באשיידענער ראלע צו זיין דער שלום-מאכער צווישען זיי, אדער אמאל העלפען איינער צו שלאגען דער צווייטער, ווען יענע ווערט צו שטארק, ווי דאס איז געווען לעצטענס דער פאל מיט דייטשלאנד.

וואס טוט די „דזשוינט באארד און סאניטארי קאנטראל?"

(שלום פון זייט 7)

שפעטער ווי מיט 14 יאהר צוריק? געווים ווייסען מיר, אז די ארבייט צו פארבעסערען די סאניטארע צושטענדע אין די שעפער איז אן ארבייט ניט פאר איין טאג אדער סיזאן; אז עס דארף נעהמען זעהר פיל צייט ביז אזא סאניטאריש פארנאכלעסיגטער צושטאנד וועט אויסגעבעסערט ווערען. ליידער זעהען מיר אין דיזער ארבייט, נאך אפילו ניט דעם אנפאנג. איך פרעג דעריבער נאך א מאל:

וואס טוט די דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל?

גאנץ איבעריגע. און איך ווייס ניט, אויב די סענאטארס וועלען ניט באטראכטען דווקא דאס, וואס עס איז ניטא קיין פרייע פרעסע אין רוסלאנד, וואס די ארבייטער ווערען געהאלטען אין צוים, גראדע פאר א זעהר גוטע זאך פאר רוסלאנד? ווער ווייס, אויב אין הארצען וועלען זיי ניט באדויערען, וואס דאס קען דערווייל ניט איינגעפיהרט ווערען אויך אין אמעריקא? דערפאר דוכט מיר, אז גערעכט ווי עס איז גאמפערס מיט אלע זיינע טענות וועגען רוסלאנד, אבער ער האט זיך מיט זיי געווענדעט ניט אויף דעם ריכטיגען אדרעס.

וואס פאר א חוצפה! וואס פאר א גיהנום ניויארק איז עס געווען די גאנצע לעצטע וואך פאר די מיליאנען איינוואוינער אין זייערע ענגע רומקעס אהן א טראפען לופט! ווירקליך דער מענש איז שטארקער פון אייזען, אז ער קען אזוי פיל ליידען און בלייבען געדולדיג.

דער פארמער קומט!

(פעליעטאן)

פון לעבעדיגען.

דער פארמער געהט, דער פארמער
קומט,
דער פארמער איז געקומען,
דער פויער האט ערוואכט פון שלאף,
צו פאליטיקע זיך גענומען...

ווי עס ווייזט אויס, קלייבט זיך דער פארמער זאגען א דעה אין פאליטישען לעבען פון לאנד, און בעסער נאך, נעהמען דאס געזעץ אליין אין זיינע הענט.

דער פארמער וויל שוין מעהר ניט ווארטען, אז פרעמדע זאלען איהם צווארפען א ביינדעל. ער וויל אליין אויסטיילען די חלקים.

הכלל, דער פארמער מיינט צו ווערען א מאכט ניט נאר אויפ'ן פעלד פון קארטאפעל, ער וויל פארכאפען די מאשין פון דער מלוכה, פונקט ווי די שנייד-מאשין...

און איז דאס מיט רעכט?

מיר דוכט, אז יע.

מיר האבען ביז איצט געהאט די קעניגרייך פון שטאדט-מענש. נו, איז מעהר ניט ווי רעכט, אז אויך דער דארפס-מאן זאל אמאל קעניגען.

מיר קבצנים, כאטש שטאדטישע, קאנען דערפון גאר ניט פארלירען. פארלירען קען דער שטאדטישער קאפיטאל, אבער ניט מיר.

און סתם איז פשוט אינטערעסאנט צו זעהן, ווער וועמען וועט בייקומען: דאס שטאדט דעם דארף, ווי אלע מאל, צי מיט אמאל נאר דער דארף דאס שטאדט?

עס איז א דועל, צווישען נאטור און קולטור, אזוי צו זאגען. צווישען פויערשע לעבענס-אינטערעסען און קאפיטאליסטישע בויך-אינטערעסען.

און אזא „פייט" איז אינטערעסאנטער ווי אפילו דער נעקסטער דעמפסי-פירפא „פייט".

און נאך א זאך: ס'איז אינטערעסאנט צוצוקוקען, ווי אזוי דער פארמער, דער עקספערט „אין-דער-ערד-לעגער", וועט לעגען אין דער ערד די פאליטיק און פאלקס-אינטערעסען.

און איך גלויב, אז אויך דערביי וועלען מיר קבצנים קיין סך ניט פארלירען, ווייל ערגער און טיפער ווי די שטאדט-פאליטיקער האבען געלעגט די פאליטיק און די פאלקס-אינטערעסען, וועלען זיי אויך ניט.

און וואס שייך מיך, אז אלטען ליבהאבער פון דארף, וואלט איך געוואלט, אז דער פארמער זאל אויף אזוי פיל ווערען שטארק, אז ער זאל ארונטערזעצען פון זייערע טראנען ביידע קאפיטאליסטישע פארטייען: די עזעל-פארטיי און די העלפאנט-פארטיי.

לאנג לעבען זאל, רוף איך, די קארטאפעל-פארטיי, די טאמייטא-פארטיי, די ווייץ-פארטיי, אדער אפילו די בהמה-טשיקען-פארטיי!

אזוי פיל, וויפיל מיר האבען געליטען, זאג איך, פון די עזלען און פון די איבעריגע חיות, קאנען מיר פון קארטאפעל-ווייץ-טאמייטא און אפילו „טשיקען" — ניט ליידען.

א קארטאפעל איז דאך אומשעדליכער פון אן עזעל...

און מיך וואלט אפילו ניט געארט, ווען דער פארמער ווערט דער קעניג פון אלע פארטייען און באזיגט אפילו דעם ארבייטער.

ווייל, זאלען מיר די קלאוקמאכער קיין פאראיבעל ניט האבען, איך האלט נאך אלץ, אז אויב עמיצער קאן באמת אנגערופען ווערען ארבייטער — איז דאס דער ערד-ארבייטער, דער פויער.

ערשטענס, איז טאקע זיין ארבייט א שווערערע, מיט א סך לענגערע שטונדען, און צווייטענס, און דאס איז דער עיקר, — א נוצליכערע.

אהן קלאוקס קאנען מיר, מאנסביל, אויסקומען. אי, אונזערע ווייבער? קאנען מיר אייך באשטעהן צו נעמען זיי אפילו אהן א העמד. (עס רעדט זיך דאך, אז מיר האבען זיי אזוי שטארק ליב!). אבער אהן ברויט און אהן קארטאפעל קאנען מיר אונזערע פרויען ניט נעמען...

איך לעג גרויסע האפנונגען אויפ'ן פארמער.

איהר וועט נאך זעהן, אז אויב מען וועט איהם נאר לאזען, וועט ער נאך אויך אויסקלייבען א פארמער אלס פרעזידענט.

און פאר וואס זאלען מיר טאקע ניט האבען אויך א פארמער אויפ'ן פרעזידענטען-שטול?

„ראף-ריידערס", פראפעסארען, צייטונגס-לייט האבען מיר שוין געהאט, און מיר האבען פון זיי קיין גרויס נחת ניט געהאט, — לאמיר פרובירען א פארמער אלס פרעזידענט.

א פארמער אלס פרעזידענט וועט כאטש זעהן, אז דאס פאלק זאל האבען גענוג ביליג ברויט און מילך און קארטאפעל.

הכלל, לאמיר זינגען:

דער פארמער געהט, דער פארמער
קומט,
דער פארמער איז געקומען!
דער פויער האט ערוואכט פון שלאף,
צו פאליטיקע זיך גענומען!

איין זאך האב איך בלויז מורא, אז די פאליטיק זאל ניט איבערפיהרען דעם פארמער אויך.

פאליטיק האט אין זיך אזא מיאוס'ע פארדארבענדע כח, אז זי קאן פארדארבען אפילו א נאטור-קינד...

מען קאן זיך שרעקען, אז ווען דער פארמער וועט אריין אין פאליטיק — זאל ער ווערען אזוי קארופט ווי דער שטאדט-מענש.

אבער ווי געזאגט, לאמיר האפען נאר אויף גוטס, און לאמיר טאקע ווידער זינגען:

דער פארמער געהט, דער פארמער
קומט,
דער פארמער איז געקומען!
דער פויער האט ערוואכט פון שלאף,
צו פאליטיקע זיך גענומען!...

בריף פון יוניטי לאנד

(ספעציעל פאר די „גערעכטיגקייט")

פון ל. פינקעלשטיין.

מיין ליבער פריינד רעדאקטאר!

איך וואלט זאגען, דאס אויב מען וויל א מענשען באשטראפען, זאל מען איהם אוועקשיקען אין יוניטי לאנד שרייבען ארטיקלען. עס איז אמת, אז צו שרייבען דארף מען איך האבען געדאנקען... אבער קודם כל דארף מען קאנען זיצען אויף אן ארט, — א זאך וואס איז זעהר שווער צו טאן ביי אונז אין יוניטי לאנד. רבונו של עולם! וואו נעמט מען די צייט זיך אוועקצוזעצען עפעס אנשרייבען?

אט איז א צעטעל פון א טאג טעטינקייט אין יוניטי לאנד און איהר וועט אליין זעהן, ווערטער רעדאקטאר, צי עס בלייבט צייט זיך אוועקצוזעצען עפעס שרייבען.

דאס לעבען דא פאנגט זיך אפיציעל אן זיבען אזייגער אין דער פריה. פונקט זיבען אין דער פריה, ניט פריהער און ניט שפעטער, געהט ארום א יונגער מאן איבער'ן „יוניטי סקווער" מיט א גלאק, וואס איז שוין געווארען אביסעל היזעריקלאך... הפנים פון צופיל קלינגען, — און ער קלינגט און קלינגט. דאס איז א סיגנאל פאר די יוניטאריער אויפצושטעהן.

וועט איהר דאך אודאי פרעגען: ווארום דארף מען דארט דעם עולם וועקען מיט א גלאק? ווארום שטעהן זיי אויף אין דער היים אהן א קלינגער?

זיינען דא דערפאר איינינע טעמים.

ערשטענס, שלאפט זיך דא געשמאקער ווי ביי אייך אין ניו יארק, און ווי לעבעדיג און פריילאך דא זאל ניט זיין, זיינען נאך דא ביי אונז אזעלכע מענשען, אז ווען מען זאל זיי ניט אונטערקלינגען מיט א גלאק, וואלטען זיי אפשר אפגעדרעמילט דאס גאנצע לעבען... אפילו ווען דער גלאק קלינגט און וועקט אלעמען אויפצושטעהן און נעהמען לעבען, ווי עס פאסט זיך פאר מענשען, דאס הייסט, ווי מענשען דארפען לעבען, הערען זיי דאס אויך ניט. דער קלינגער שטעהט מיט'ן גלאק אין האנד און וועקט און... זיי קערען זיך איבער אויף דער צווייטער זייט און כראפען ווייטער.

און מיינט ניט, ווערטער רעדאקטאר, אז דאס זיינען מענשען וואס ליידען חלילה, פון דער מאדערנער שלאף-קראנקהייט. ניין, דאס זיינען גלאט אזוי פארשלאפענע מענשען. איהר קאנט שוין פארשטעהן וואסערע שלאפמיצען דאס זיינען, אז אפילו אין דער יוניטי לאנד שלאפען זיי אויך.

צווייטענס, זיינען דא פאראן אזעלכע מענשען, וואס גלייכען געהן שלאפען „א קאפיטשקע שפעטער". ווען איהר פרעגט יענע לייטע ווארום זיי געהן ניט שלאפען, ענטפערען זיי אייך: „איכ'ל געהן שלאפען א קאפיטשקע שפעטער". דאס זיינען, וואס מען רופט ביי אונז, די „נאכט פויגלען", אזעלכע מענשען, וואס ביינאכט ציהט עס זיי אין וואלד אריין, און פאר אזעלכע וואלד מענשען מוז מען שוין האבען א גלאק. און גאנץ אפט פאסירט עס, אז זיי הערען אפילו דעם גלאק אויך ניט. זיי הערען דעם קלינגער ווי דעם פאטער און שלאפען ווייטער...

וועט איהר דאך אפשר פרעגען: וועמען ארט עס, אז זיי שלאפען? אויף וואס דארף מען איבערהויפט שטערען מענשען פון שלאפען און זיי וועקען?

איז דער תירוץ, „ברעקפעסט", אנבייסען הייסט עס. אכט אזייגער קלינגט ווייטער דער גלאק. — דער גלאק, פארשטעהט איהר, שפילט אין יוניטי-לאנד א גרויסע ראלע, און מאנכע מענשען דא טוען זיך אפילו א ריהר ניט, אויב דער גלאק קלינגט ניט.

אבער ניט דאס בין איך אויסען.

אלזא, אכט אזייגער קלינגט דער גלאק און אלע מיזען געהן עסען אנבייסען. ביי אייך אין ניו יארק, ווערטער רעדאקטאר, ארט קיינעם ניט צו מען עסט אנבייסען, צי ניט. און אז איינער זאל קיין מאל ניט עסען וועט עס וועמען ארען? איהר זייט דארטען ווילדע עגאאיסטען, יעדער קוקט נור פאר זיך.

ניט אזוי אבער איז עס דא, ביי אונז אין יוניטי לאנד. דא האט מען אלעמען אויפ'ן צעטעל און יעדער בירגער פון אונזער מדינה, די פרויען איינגעשלאסען, זיי האבען אויך ביי אונז גלייכע רעכטע מיט די מענער, און אפשר א קאפיטשקע מעהר. ווארום די יוניטי-לאנד, ווי איהר ווייסט, איז דאך געשאפען געווארען פון דעם שעהנעם געשלעכט און כאטש די אדמיניסטראציע איז שוין איצטער מעהר מאנסבעליש ווי ווייבעריש, האבען אבער נאך אלץ די ווייבער א גרויסע דעה אין דער רעגירונג אונזערער. אמת, דער פריים-מיניסטער אונזערער, ברודער ראטהענבערג, איז גאט צו דאנקען א מאנסביל, אבער ער איז ארומגערינגעלט מיט אזוי פיל באאמטע אין „בלומערס" אין „ניקערס", דאס הייסט ווייבער, וואס האלטען הויכע פאסטענס אין דער יוניטי אדמיניסטראציע, דאס עס מאכט נאך אלץ דעם איינדרוק, אז די מלוכה ליגט אין ווייבערשע הענט. עס שמעקט נאך מיט ווייבליכקייט, וואו נאר מען גיט זיך א ריהר.

מיינט אבער ניט, ווערטער רעדאקטאר, אז דאס איז שלעכט. ניין, טאקע אט די ווייבליכקייט וואס עס פילט זיך דא אין דער לופט, אויסגעמישט מיט די דופטענדע פארפיום ריחות פון דער רייכער, ארומיגער אומגעבונג, באשאפט אט דעם גרויסען טיפען צויבער אין וועלכען די גאנצע יוניטי לאנד איז איינגעטונקט! איהר וועט זיך דאריבער ניט וואונדערען, וואס די מאנסבילען וואס געפינען זיך דא געהן ארום ווי פאר'שיכור'ט. וואס קאנט איהר זיך העלפען, אז דא זיינען דא אזוי פיל יונגע פרויען מיט אזעלכע שעהנע, לויכטענדע אויגען, מיט דורכדרינגענדע בליקען וואס קאנען דורכשטעכען אפילו די הארץ פון א טאטער?... און איבערהויפט נאך, ווען אונזערע מאנסבילען זיינען גאר ניט אזעלכע צוריקגעהאלטענע, ווי איהר מיינט. דאס רוב פון זיי זיינען גאנץ גערן אויסצושטרעקען זייערע, כלומרשט פארהארטעוועטע הערצער, כדי די שטעכיגע בליקען פון די יונגע פרויען זאלען דורכדרינגען. עס ארט זיי ניט, הייסט עס, צו ווערען פארוואונדעט, ארומצוגעהן נאכדעם מיט א צולעכערט הארץ. אט אזוי זיינען שוין די מאנסבילען, פון די עלטסטע צייטען אן.

איהר פרעגט, ווערטער רעדאקטאר, צו די יונגע פרויען דא באנוצען זיך מיט'ן מאמענט, דורכצושטעכען מיט זייערע שארפע בליקען, באגלייט פון א ליבליכען שמייכעל, די אזוי צו זאגען פארגליווערטע הערצער פון די פראזאאישע מאנסבילען? נישקשה, נישט צו פארזינדיגען! עס פארפיהרען זיך, א דאנק גאט, ראמאנען, כאטש, ווערטער רעדאקטאר, איך קאן אייך ניט פארזיכערען אויב די ראמאנען אונזערע וועלען ווערען כראניש. דאס רוב פון זיי זיינען ניט מעהר ווי א מין סארט „סאמער קאמפליימענטס"... זיי לייזען זיך אויף אזוי גיך ווי זיי ענטשטעהן. און אזוי דארף עס טאקע זיין אויך. ווארים אין גרונט גענומען, איז דאס לעבען צו קורץ אויף צו פארציהען לאנגע ראמאנען. היינט, ווערטער רעדאקטאר, צו וואס טאקע אנציהען א לאנגען, נודנעם ראמאן פון א וואסערע פינף, זעקס טיילען, אז מען קאן ליבערשט מאכען איינינע „אינטערעסאנטע" און זאגאר „שפאנענדע" קורצע ראמאנדלאך?

— איהר זייט גערעכט, ווערטער רעדאקטאר. יא, איך בין ארונטער פון וועג... איך האב, דאכט זיך, אנגעפאנגען מיט'ן אנבייסען און בין גאר פארקראכען צו די יונגע פרויען מיט די זומער-ראמאנען. דאס איז שוין, מוז איך מודה זיין, ביי מיר אן אלטע שוואכקייט... אגב איז טאקע אנגענעהמער צו שרייבען וועגען יונגע פרויען און ראמאנען איידער וועגען עסען, כאטש, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, אז דאס עסען פארנעמט ביי די יוניטאריער א וויכטיג פלאץ. דאס געהט אזוי ווייט, דאס מיר האבען דא אזעלכע, וואס מען רופט „דאבעל פארשאניסטען".

וואס איז עס פאר א באשעפעניש, פרעגט איהר? דאס זיינען אזעלכע, וואס בעטען ביי דער ווייטערקע א „דאבל פארשאן". זיי ווילען, הייסט עס, צוויי חלקים.

זיץ איך ביים טיש און וואונדער זיך. גאט מיינער! איך קאן קוים פארטיג ווערען מיט דעם „פארשאן", וואס איך האב באקומען און ער וויל גאר א „דאבל פארשאן". גאט מיינער, טראכט איך זיך, וואו טוט עס דער איד אהין? דאכט זיך, אז מען עסט אויף דעם אין „פארשאן" וואס יעדער באקומט, איז נאך מעהר ווי גענוג, טא צו וואס וויל נאך יענער א „דאבל פארשאן"?

אט א שטייגער, אין דער פריה, צום אנבייסען, גיט מען יעדען יוניטאריער אחוץ אנדערע זאכען, צוויי פרישע, געשמאקע, טאקע אמת טשיקען אייער. דאס הייסט, אייער וואס קומען ניט פון „סטארייזדזש", טאקע ממש אייער פון דער טשיקען. זיצט דארטען א „דאבל פארשאניסט" ביי א טישעל און בעט די ווייטערקע א „דאבל פארשאן", א פאר „עקסטרא אייערלאך".

ווערט מיר אינטערעסאנט צו וויסען, וואס פאר א סארט איד דאס איז און איך פארציה מיט איהם א קורצען שמועס:

— וואס דארפט איהר עסען פיער אייער מיט אמאל? — פרעג איך איהם, — צוויי איז דען ווייניג?

— וואס איז, זאגט ער, פיער אייער קאן איך זיך ניט פארגינען?... וואס איז — רעדט ער ווייטער — די יונגע וועט ברלות ווערען, ווען איכ'ל עסען נאך צוויי אייער?

זעה איך דאך שוין מיט וועמען איך האב צו טאן און איך זאג איהם... זאל עס איהם וואויל באקומען. די איינציגע סכנה דערביי איז נאר, וואס אזא חברה-מאן קאן באקומען קרעמפען פון איבערפרעסען זיך און נאכדעם ווארפען די שולד אויפ'ן עסען, זאגענדיג, אז דאס „עסען טויג ניט".

ווי איהר זעהט, ווערטער רעדאקטאר, האב איך דא געוואלט אנגעבען דאס גאנץ צעטעל וואס מען דארף דא טאן אין א טאג, כדי איהר זאלט זעהן, בפועל ממש, אז עס בלייבט ניט קיין צייט זיך אוועקצוזעצען שרייבען ארטיקלען. איהר וואלט דאן געזעהן, אז טאמער שרייב איך דאך, איז פשוט אויף מיין ניט דערלעבטער און ניט דערשלאפענער צייט. ס'איז, ווי מען זאגט, פשוט אפגעריסען פון זיך... אבער איך האלט נאך ביים אנבייסען.

אגב האב איך זיך איצטער דערמאנט אז פאר'ן אנבייסען, ארום האלב נאך זיבען אין דער פריה, דארף מען געהן טרינקען הייסע וואסער, וואס מען זאגט אז ס'איז זעהר גוט צום מאגען. און איהר האט שוין געמעגט זעהן, ווי מען שטעהט דא אין ליין פאר'ן אנבייסען צו זופען די הייסע וואסער. אבער וועגען דעם און נאך אנדערע טשיקאווע זאכען וועל איך אייך שרייבען אין מיין צווייטען בריף. איך וועל אייך דעמאלט דערצעהלען ניט נור וואס מען טוט דא, נור אויך ווער עס איז דא געווען, ווער עס איז דא און אויף וועמען מען ריכט זיך, וואס דארפען אנקומען. איך האף, אז איהר וועט האבען געדולד צו ווארטען ביז נעקסטע וואך.

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

די פארמערס פון מינעסאטא ווייסען גארניט, הפנים, וואס הייסט דרך-ארץ. דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען באווייזט זיי מיט אותות ומופתים, אז אונטער זיין אדמיניסטראציע איז זיי גוט, ווי די וועלט, און זיי הויבען איהם ניט אן צו גלויבען, און וועהלען אויס אלס סענאטאר א פראסטען פארמער, וועלכער ערקלערט אלע רעפובליקאנישע טובות פאר די פארמערס אלס א גרויסען רעפובליקאנישען בלאף. איז דאס ניט א שרעקליכע זאך אנצוטאן דעם פרעזידענט אזא עגמת-נפש גראדע דאן, ווען ער האט זיך גענומען זיין וואקיישאן אום זיך אפצורוהען פון זיינע שווערע הארעוואניעס? באמונות, ווען פראסטע פארמער קענען זיך אזוינס ערלויבען, מוז איינער ווילענדיג ניט-ווילענדיג, אנהויבען צווייפלען אין די גוטסקייט פון אונזער גאנצער דעמאקראטיע.

אין איינער פון זיינע רעדען האט פרעזידענט הארדינג געלויבט דעם איטאליענישען ביסמארק, מוסאליני, ביז אין הימעל אריין. נו, מר מוסאליני, ווי עס איז אלגעמיין באקאנט, לאכט זיך אויס פון דעם גאנצען דעמאקראטיזם. היינט, אויב מוסאליני איז אזא פארגעהם אין די אויגען פון הארדינג, קען עס דאך אנדערש ניט זיין, ווי אונזער פרעזידענט איז פאלשטענדיג איינפארשטאנען מיט איהם, טו ווארום טאקע ניט נעהן אין מוסאליני'ס פוסטריט און מאכען א סוף צו דעם גאנצען דעמאקראטישען אנשטעל?

מוסאליני האט אויסגעפיהרט די טעג א וואהל-רעפארמע, וועלכע גיט איבער די גאנצע מאכט צו זייער רעגירונג. און אזוי ווי די רעגירונג איז מוסאליני, הייסט עס, אז מוסאליני האט די גאנצע מאכט צו שאלטען און וואלטען איבער איטאליען, וויפיל זיין הארץ גלוסט. ווי מוז עס איהם אונזער פרעזידענט מקנא זיין? איז אבער די צרה אונזער קאנסטיטוציע. דארט רעדט זיך וועגען פרייהייט פון רעדען, שרייבען און פארזאמלען זיך, און אין מוסאליני'ס ווערטער-בוך איז נימא אזא זאך, ווי פרייהייט. „וואס איז עס פרייהייט?" פרעגט מוסאליני, און ער ענטפערט אליין: „נימא אזא זאך". א ראיה ברענגט ער פון רוסלאנד. אלזא, מוסאליני קומט ארויס אפען אלס געוואלט-מענש. און פרעזידענט הארדינג ווערט גאר נתפעל פון איהם.

מוסאליני באריהמט זיך, אז זייט ער האט איבערגענומען די רעגירונגס-לייצעס, רעדט מען שוין מעהר ניט וועגען א רעוואלוציע אין איטאליען. און באמונות, אויב מוסאליני האט דאס געקאנט אויספיהרען אין איטאליען, וואו עס איז ווירקליך געווען א גאנץ שטארקע רעוואלוציאנערע באוועגונג, דארף עס דאך זיין א קינדערשפיל פאר אונזער רעגירונג, ווען זי זאל נאר האבען דעם נויטיגען מוט. אבער, אך, ווי עס ווייזט אויס, דאס פעהלט אונזער רעגירונג. דערפאר ווערט מוסאליני מיט רעכט באטראכט פון די הארדינגס אלס אמת'ער העלד.

אין דער דעבאטע איבער סאציאליזם אין דעם ענגלישען פארלאמענט, איז דער מאיאריטעט-וואוט געווען פאר קאפיטאליזם, ווי דאס האט אנדערש ניט געקאנט זיין אונטער דער איצטיגער רעפרעזענטאציאנס-סיסטעם. אבער עס איז כדאי צו באמערקען, אז קיינער פון די פארטיידיגער פון קאפיטאליזם האט ניט פארגעבראכט קיין איינציגען ארגומענט פאר איהם. אלע האבען צוגעגעבען, אז קאפיטאליזם איז שלעכט און פול מיט פעהלערען. אבער, האבען זיי גע'טענה'ט, די רפואה דערצו איז ניט סאציאליזם, נאר מען דארף זעהן פארריכטען די פעהלערען פון קאפיטאליזם. מען דארף איהם רעגולירען, האלטען אין צוים. דאס קאמישסטע איז, אז אלע, וועלכע האבען אזוי גע'טענה'ט, זיינען אליין די לאקייען פון קאפיטאליזם.

די „טיימס" טרייסט זיך, אז, לויט דעם וואוט — 368 פאר קאפיטאליזם און 121 פאר סאציאליזם — האלט עס נאך גאנץ ווייט פון סאציאליזם. וועלל, די „טיימס" טרייסט זיך מיט חלשות. ווען מען בעדענקט, אז בלויז מיט א יאהר 10 צוריק וואלט דער סאציאליזם ניט געהאט קיין צעהנדליג וואוטס אין דעם ענגלישען פארלאמענט, ווען אזא דעבאטע וואלט איבערהויפט מעגליך געווען, מוז מען צוגעבען, אז דער איצטיגער וואוט, א דריטעל פון דעם גאנצען אפגעגעבענעם וואוט, פאר סאציאליזם, באווייזט דוקא, אז די טעג פון דעם ענגלישען קאפיטאליזם זיינען ווירקליך געצעהלטע, און כאטש עס איז שווער צו זאגען, אויב דער סאציאליזם, ווי ער ווערט איצט פארשטאנען, וועט פארנעהמען זיין פלאץ, זיכער אבער איז, אז די קאפיטאליסטישע סיסטעם מיט אלע איהרע צרות מוז געהן.

אין דער באס-פראגע, מיט וועלכער עס האט איצט אזוי גוואלדיג אונזער ההליכשטיבעל, ווייס איך ווירקליך ניט, מיט וועמען צו האלטען. זיכער האב איך פיינט די „טראקשאן-באנדע" ניט ווייניגער, ווי מעיאר היילען, און איך וואלט זעהר גערן געוואלט, אז די באסליניעס, וואס שיינט צו זיין א זעהר פעטע ביסען, זאלען אריינפאלען אין די לאפעס פון דער דאזיגער חברה. אבער פונקט אזוי ווייניג צום הארצען איז מיר דער געדאנק, אז די באסעס זאלען אריינפאלען אין די הענד פון פאליטישענס, וואס דאס וועט זיכער ברייגען מיט זיך אן ארגיע פון גרעפט נאך אויף א גרויסען מאסשטאב. דערפאר בין איך אין דער פראגע גאנץ נייטראל.

דער ענגלישער מיניסטעריום האט שוין ענדליך פארטיג געמאכט זיין נאטע וועגען רעפארייישאנס, וואס דייטשלאנד מוז צאהלען, און האט איהר ארויסגעשיקט צו די פארשידענע עלליים. דער אינהאלט פון דער נאטע ווערט געהאלטען שטרענג בסוד. דאס מיינט, אז טאמער וועט דער ריפארייישאנס-פלאן ניט אנגענומען ווערען פון פראנקרייך, זאל דער ענגלישער מיניסטעריום קענען מאכען א שוויג וועגען דעם גאנצען עסק און ניט דארפען זיך אזוי שעהמען מיט איהר ניט-גערעטענער דיפלאמאטיע. איך וויל נביאות זאגען, אז אזוי וועט עס טאקע זיין, ווייל ניט דייטשלאנד קען וואס-עס-איז געבען, און ניט פראנקרייך וויל ריפארייישאנס. וואס פראנקרייך וויל, איז בלייבען די גאנצע באלעבאסטע אין רוהר; אז זי איז שוין דארט, וויל זי דארט פארבלייבען, כאטש ענגלאנד איז אזוי שטארק דאגעגען.

אין זיין בריף צו די סענאטארס קינג און לעדר, וואס פאהרען נאך רוסלאנד, אום אויסצוגעפינען דעם אמת וועגען רוסלאנד, מאכט גאמפערס גאנץ קלאר די ראליע פון די הינע אגענטען פון מאסקווע אין באצוג צו דער ארבייטער-באוועגונג אין אמעריקא. אין דער זעלבער צייט פארלאנגט ער פון די סענאטארס, אז זיי זאלען אויסגעפינען דעם אמת בנוגע די אינערליכע אנגעלעגענהייטען אין רוסלאנד. קען איך עס ניט פארשטעהן. אויב גאמפערס וויל אזוי שטארק וויסען דעם אמת, ווארום מוז ער עס אויסגעפינען דורך די סענאטארס קינג און לעדר, אז די א. פ. אוו ל. האט גאנץ גוט געקאנט אויספיהרען, שיקענדיג נאך רוסלאנד איהרע אייגענע אויספארשער? מעגליך, אז רוסלאנד וואלט אזא דעלעגאציע פון דער א. פ. אוו ל. ניט אריינגעלאזען. אבער וואלט דאס גופא ניט געווען די שטארקסטע פארדאמונג פאר דעם איצטיגען רעזשים? א חוץ דעם, די מעהרסטע זאכען, וואס גאמפערס וויל וויסען, זיינען אלגעמיין באקאנט, און דער סאוועטרעזשים לייקענט עס גארניט. אזוי איז עס א פאקט, וואס ווערט פון קיינעם ניט באשטריטען, אז עס איז נימא קיין פרייע פרעסע אין רוסלאנד, אז עס איז נימא קיין אפאזיציאנעלע פרעסע, אז די ארבייטער געניסען אין א זעהר באשרענקטער מאס די פרייהייט צו ארגאניזירען זיך אין יוניאנס אהן די אריינמישונג פון דער רעגירונג; און נאך ווייניגער האבען זיי די פרייהייט און דאס רעכט צו קריטיקירען די רעגירונג. דערפאר זיינען די אלע פראגען

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

ה. ה. — פון הומאניטארען שטאנדפונקט זייט איהר געוויס גערעכט. אבער אונטער די איצטיגע אומשטענדען, ווי אויך צוליב אנדערע טעמים, איז אייער פלאן פון א ווירדזש-סקייל פאר אלע גלייך ניט מעהר, ווי אן אוטאפיע. שוין, טוט נאר א פרעג ביי אייערע מעהרסטע באקאנטע, און איהר וועט געוויס געפינען זעהר ווייניג, וואס וועלען מיט אייך איינפארשטאנען זיין. געוויס וועלען זיי אייך ניט זאגען, אז זיי זיינען דאגעגען; דאס וואלט געווען שטארק אין ווידערשפרוך מיט זייערע ראדיקאלע רייד, וועלכע איהר הערט פון זיי שטעט. זיי וועלען אייך זאגען, אז ניט זיי, נאר די מעהרסטע אנדערע זיינען דאגעגען. אבער דער אמת איז, אז זיי אליין זיינען דאגעגען. פארגעסט ניט, אז די מעהרסטע ליידען נאך פון דער שטיק-ארבייט-פסיכאלאגיע, און שעהן ווי עס איז דער קאמוניסטישער אידעאל, אבער מיר זיינען פון דער מיינונג, אז עס וועט נאך מוזען געדויערען א היבשע שטיקעל צייט, איידער די מענשען וועלען קענען לעבען קאמוניסטיש. דערפאר, שעהן ווי אייער פלאן מאג אויסזעהן, האט עס אבער ניט קיין זין צו ריידען וועגען דעם, ווייל ער איז איצט לחלוטין ניט מעגליך.

מעמבערס פון לאקאל 82. — אויב דאס, וואס איהר באהויפטעט, איז ריכטיג וועגען דעם קלענערען לאקאל, פארשטעהען מיר ניט, ווארום זאל עס אנדערש זיין מיט א גרעסערען לאקאל. דער גרעסערער לאקאל צאהלט אויך דעמזעלבען פער-קעפיטא טעקס צו דער אינטערנעשאנאל, אויך צום דזשוינט באארד, און פונדעסטוועגען האט יעדער לאקאל א גאנץ היבשע סומע אפגעשפארט אין דער טרעזשורי. פארוואס-זשע זאל עס זיין אנדערש מיט דעם קליינעם לאקאל? ווארום מוז דער קליינער לאקאל אפהענגען אין זיין עקזיסטענץ פון דער גוטסקייט פון אנדערע? דערפאר איז פרעזידענט זינמאן פאלשטענדיג גערעכט, ווען ער פארלאנגט, אז יעדער לאקאל זאל קענען אליין שטעהן אויף זיינע אייגענע פיס, און ניט דארפען אפהענגען אין זיין עקזיסטענץ פון דער גנאדע פון דעם אדער יענעם. נו, פרעגט איהר אבער, ווי איז עס מעגליך. און איהר ווייזט א חשבון, אז פון די מעמבער-דיוס שטעלט זיך נאר ניט אב. איז דער תירוץ אויף דעם, אז די דיוס מוזען געהעכערט ווערען, אזוי, אז דער לאקאל זאל קענען זיין „סעלף-סופארטינג". אויב 35 סענט א וואך איז ווייניג, דאן מוזען די מעמבערס צאהלען 50. געוויס איז עס ניט לייכט פאר אן ארבייטער צו צאהלען מיט 15 סענט א וואך מעהר. אבער שרעקליך שווער אדער אוממעגליך איז עס אויך ניט. אז די יוניאן איז ווערט פאר איינעם 35 סענט א וואך, דארף זי אויך ווערט זיין 50 סענט. דאס איז, לויט אונזער מיינונג, די איינציגע לייזונג פון דער פראגע, ווי צו מאכען די קליינע לאקאלס „סעלף-סופארטינג".

מ. ביעל, לאס אנדזשעלעס. — מיר דענקען ניט, אז עס איז נויטיג צו פארעפענטליכען אייער גאנצען בריף מיט אלע איינצעלהייטען. גענוג וועט זיין, ווען מיר וועלען דורך דיזע צייטען לאזען וויסען דעם קלאוקמאכער-עולם, אז טאמער האט אימיצער געהאט דעה צו פאהרען נאך לאס אנדזשעלעס אין דער האפנונג צו קענען דארט מאכען א לעבען ביי קלאוקס, איז עס די מיינונג פון דעם גאנצען עקזעקוטיוו באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין לאס אנדזשעלעס, אז ער זאל עס ניט טאן, ווייל די צייט אין דער קלאוק-אינדוסטריע אין לאס אנדזשעלעס איז א זעהר, זעהר שלעכטע, אז די ביסעל ארבייט, וואס איז דא, קלעקט קוים פאר א העלפט פון די קלאוקמאכער, וואס זיינען שוין אין לאס אנדזשעלעס, און דאס די פרייזען פאר די ארבייט זיינען אזוי נע'הרג'עט, אז די, וועלכע האבען שוין א פלאץ, קענען אויך קיין לעבען ניט מאכען. אלזא, די עקזעקוטיוו באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין לאס אנדזשעלעס, לאקאל 52, איז דורכאויס פון דער מיינונג, אז קיין קלאוקמאכער פון אירגענד אן אנדער שטאט דארף נארנים קלערען וועגען קומען נאך לאס אנדזשעלעס. ער וועט ערגער מאכען זיך, און וועט העלפען אויך צו דער פארערגערונג פון דער לאגע פון די קלאוקמאכער, וועלכע זיינען שוין אין לאס אנדזשעלעס.

מ. בראווערמאן. — פון דער צוגעשיקטער קליפינג איז קענטיג, אז דער שרייבער פון דעם ארטיקעל איז א פשוט'ער אידיאט. צו פארפאסען א פארדאמונגס-רעזאלוציע געגען אן א י י ג ע נ ע ר צייטונג, דאס קען נאר איינפאלען א קאנדידאט פאר'ן דול-הויז. ווארים, ווען איינער האט אן אייגענע צייטונג, טוט ער מיט איהר, וואס ער וויל, און ער פארשפארט פארפאסען פארדאמונגס-רעזאלוציעס געגען איהר. און עס איז ווירקליך א שאנדע, דאס עולכע אומפאראנטווארטליכע פאטשקונעס געפינען נאך א צייטונג, וואו זיי קענען פרעסען זייער אידיאטסטווא.

פ. קר—וויץ. — אייער בריף וואלט געווען ווירקליך זעהר פאעטיש, ווען עס וואלט געווען ווירקליך אזוי, ווי איהר מיינט. אבער, לויט אונזער מיינונג, מאכט איהר א טעות. עס איז ניט די וואך-ארבייט שולדיג וואס דער עלטערער ארבייטער איז ערגער אפ, ווי דער אינגערער. עס איז אונזער גאנצע סיסטעם, וואס מאכט די לאגע פון דעם עלטערען ארבייטער ווירקליך טרויעריג. וויבאלד דער ארבייטער און זיין ארבייט זיינען א קוואל פון פראפיט פאר א צווייטען, איז עס דאך גאנץ נאטירליך, אז דער פראפיטיר זאל ניכער נעבען זיין ארבייט א אינגערען, פון וועמען ער קען ערווארטען מעהר פראפיט, ווי פון אן עלטערען. און דאס האט גארניט צו טאן מיט וואך-ארבייט. אייער לאגע, ווי פון פילע אנדערע עלטערע מענשען, וואלט געווען א האר ניט בעסער, ווען עס וואלט נאך איצט געהערשט אין קלאוק-טרייד די סיסטעם פון שטיק-ארבייט. דער באס וואלט אייך ניט געהאלטען, ווען אויף דעם זעלבען פלאץ וואס איהר פארנעהמט, וואלט ער געקאנט האבען א אינגערען, וואס קען מאכען מעהר ארבייט. און אויס דעם פאלגענדען גרונד: אמת, איהר מאכט אזוי גוט דאס שטיק ארבייט, ווי דער אינגערער ארבייטער און פאר דעם שטיק ארבייט קריגט איהר ביי דע דעם זעלבען פרייז, אבער אין דער צייט, ווען איהר מאכט איין שטיק ארבייט, מאכט דער אינגערער צוויי. פאלגליך מאכט דער באס פון זיין ארבייט צוויי מאל אזוי פיל פראפיט, ווי פון אייערער. און אזוי ווי אין א שאפ איז דער פלאץ באגרענעצט, איז זיכער, דאס אפילו אונטער שטיק-ארבייט האט דער אינגערער מעהר שאנסען. געוויס איז עס הארץ-ברעכענד און סקאנדאליעז, דאס איינער, ווי איהר, וואס האט שוין פראצעוועט דאס גאנצע לעבען, זאל אויף דער עלטער זיין אין אזא טרויעריגער לאגע, אבער שולדיג איז אין דעם געוויס ניט די סיסטעם פון וואך-ארבייט, נאר די קאפיטאליסטישע סיסטעם אין אלגעמיין, וועמעס לעבענס-פרינציפ איז פראפיט, די עקספלואטאציע פון איין מענשען דורך א צווייטען. די תפלה „אל תשליכנו לעת זקנה" איז טאקע ווי צוגעפאסט פאר דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, אבער ליידער איז זי פון גאר א קנאפע ווירקונג... דאך, ווי שלעכט עס איז, איז אבער אהן דער יוניאן וואלט געווען פיל, פיל ערגער. מיר ווייסען פון גאר פילע עלטערע מענשען, וואס ארבייטען אין די שעפער און פארדינען נאר א דאנק דער מאכט פון דער יוניאן. אייער פאל איז אבער א גאנץ באזונדערער. איהר זייט ניט אלט, ווי איהר שרייבט, איהר פיהלט זיך ניט אלט, איהר קענט זיך נאך פארמעסטען מיט א יונגען, נאר די האר זיינען ביי אייך גרוי; און אז דער באס דערזעהט אייערע גרויקייט, ווערט ער א פארצאפעלטער און ערקלערט אייך, אז ער האט פאר אייך קיין ארבייט. איז אבער דערצו דא אן עצה: פארבט אן אייערע האר, מאכט זיי שווארץ. מיר מיינען עס גאנץ ערנסט מיט אונזער עצה. פילע ארבייטער פיהלען אזוי און עס געלינגט זיי צו קריגען א דזשאב. ווארום וואלט איהר עס ניט טאן? מיר וואלטען געוויס אייער בריף פארעפענטליכט, אבער מיר זעהען ניט איין, וואס העלפט עס אייך גוטען. ניכער קען עס אייך שאדען. וואלטען אייך אויך געראטען צו קומען צו די מיטינגען פון אייער יוניאן. אפשר קען עס אייך באוויזען העלפען צו קריגען דעם נויטיגען פלאץ. אבער, וואס איהר זאלט ניט טאן, שלאגט זיך ארויס פון געדאנק, אז דאס איז די וואך-ארבייט, וואס האט אייך און עהנליכע צו אייך א רעה געטאן. דאס איז אין גאנצען א גרונד-פאלשער געדאנק.

ח. יאוווערבוים. — עס פרעהט אונז ווירקליך, וואס פון די ארטיקלען וועגען דעם דזש. עקז. באארד זייט איהר ענדליך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער פרעזידענט און וויס-פרעזידענטען פארשטעהען זעהר גוט די לאגע, און דאס וויבאלד אזוי, וועלען זיי געפינען דעם ריכטיגען מיטעל. די פראגע איז נאר, ווי האט איהר ביז איצט נאר געקאנט אנדערש רעכענען? ווער זאל דען פארשטעהען גרינדליך די לאגע אויב ניט די העכסטע באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל?

וו. צ. — וועלען אייך צושיקען די צייטונג, און עס האט אונז געפרעהט צו הערען פון אייך דורך א בריוועל. אבער דאך מוזען מיר אייך זאגען, אז מיר זיינען שטארק ברוגז אויף אייך, וואס איהר זייט ניט געקומען אונז זעהן, ווי איהר האט צוגעזאגט. געוויס פארשטעהען מיר, אז עס זיינען געווען שטארקע מניעות, אבער פאר אמת'ע פריינדשאפט זיינען ניטא קיין שוועריגקייטען. נאר דאס מאל וועלען מיר שוין מוזען אייך מוחל זיין, אבער זעהט, עס זאל ניט פאסירען א צווייטען מאל, ווארים די בעסטע פריינדשאפט קען ניט איבערטראגען א סיסטעמאטישע פארנאכלעסיגונג...

י. קאלמאנאוויטש. — געוויס איז עס פון דער העכסטער וויכטיגקייט צו פארשטארקען און קלערער מאכען די איבערצייגונגען פון די, וועלכע זיינען שוין געוואונען געווארען פאר א געוויסען אידעאל. אבער, פון דער אנדערער זייט, איז די פראפאגאנדע, וואס לעבט נאר מיט דעם, וואס זי האט אמאל אויפגעטאן, און איז ניט בכח צו ברייגגען צו דעם אידעאל אלע מאל נייע קעמפער, נייע טוער, פון א גאנץ קאפטען ווערט, און פריהער אדער שפעטער, מוז זי אפשטארבען צוזאמען מיט די אלטע, וועלכע זי האט אמאל געשאפען. נאר די דאזיגע באוועגונג, וואס קען זיך אלע מאל באנייען טאקע, ווי דער בוים מיט גרינע בלעטער, האט פאר זיך א צוקונפט. די באוועגונג, וואס שטויסט זיך אויף איין ארט, און פראוועט נאר לויות, הזכרות נשמות, האט אין זיך, צי זי ווייס עס, צי ניט, די קערנער פון טויט. דאס איז אונזער אבסטראקטער ענטפער אויף אייער גאנץ קאנקרעטע פראגע, און מיר האפען, אז איהר וועט אונז פארשטעהן. גרינדליכער און קלערער קענען מיר אייך, צוליב געוויסע טעמים, ניט ענטפערען.

ז. ל. — ניין, עס איז ניט געווען די פראגע פון צייט. פשוט מיר האבען ניט געפיהלט ווי צו געהן אין טעאטער און שרייבען קריטיק. צי מיר וועלען אזוי האנדלען אין דעם קומענדען סעזאן, ווייסען מיר ניט. אפשר יא און אפשר ניט. דאס וועט זיך ווענדען ווי מיר וועלען פיהלען, און וואס מען וועט אויפפיהרען אין די אידישע טעאטערן.

נ. ר. — ערהאלטען אייער בריף, אבער, ליידער, קענען מיר אייך ניט נעבען קיין גינסטיגען ענטפער. די אורזאכע איז א גאנץ פשוט'ע. מיר האבען קוים פלאץ פאר די ווענינע שרייבער אונזערע, וועלכע זיינען שוין פון א לענגערער צייט אונזערע מיטארבייטער, און עס וואלט געווען אומגערעכט ארויסצושטופען וועמען עס איז פון זיי. איהר, אויף אונזער פלאץ, וואלט אויך געוויס ניט אנדערש געהאנדעלט. האבען אייך ניט געקאנט ענטפערען פריוואט, ווייל דער בריוועל מיט דעם אדרעס איז וואו-עס-איז פארלארען געווארען.

בלייבט אין דעם אויסזעהן פון דעם פלאץ, נאר אויך אין דעם אינהאלט.

די ארבייטער-מיידלאך וואס געפינען זיך דארטען, זיינען אזוי גייסטיג ענטוויקעלט אז ס'איז פשוט א דערקוויקונג צו פארברענגען מיט זיי.

איך האב אין אנפאנג פון דעם ארטיקעל גערעדט וועגען דעם פארטשריט פון זייער קליידען זיך. מען מוז אבער איבערראשט ווערען פון דעם פארטשריט פון זייער גייסטיגער ענטוויקלונג.

ס'איז אזוי גוט ווען איהר רעדט צו מענשען און זיי פארשטעהען אייך און איהר פיהלט, אז איהר פיהלט מיט זיי אויף עדלער-פליגלען.

מען איז געוואוינט געווען צו קומען אין די מאונטיינס און טרעפען אין אינסטיטוציעס קראנקע ארבייטער. איצטער איז אונזער פרייד אונגעהויער, ווען מיר קומען אין די בערג, אויף א בליהענדען מאונטעק און טרעפען די געזונטע, די לעבענסלוסטיגע ארבייטער, הוליען, לעבען, שטיפען און שפרינגען אויף די גרינע לאנקעס אונטער א טיף-בלויען הימעל, וואו מען זעהט בייטאג אזוי פיל זונשיין און ביינאכט א ים מיט פינקעלדיגע שטערען.

שוין עטליכע טעג אז איך בין געקומען פון דער יוניטי הויז און איך פיהל זיך ווי נאך א פרעהליכער לוסטיגער חתונה.

די פאר טעג וואס איך האב פארבראכט מיט אונזערע גייסטרייכע ארבייטער-מיידלאך און יונגע לייט אין דער יוניטי הויז, וועלען פארבלייבען איינגעקריצט אין מיין זכרון ווי די שעהנסטע שמעקעדיגע בלומען מיט סאטעטענע בלעטער, באצירט מיט גאלדענע ראנדען.

קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר געענדיגט מיט א גרויסען זיג

(שלוס פון זייט 1)

דארום באלד איינגעזעהן, אז די ארבייטער מיינען ניט קיין קאטאוועס, אז זיי זיינען פעסט ענטשלאסען קיינמאל ניט מעהר צו דולדען די צושטענדע, וועלכע האבען ביז ניט לאנג צוריק געהערשט אין די באלטימארער קלאוק-שעפער. זיי האבען איינגעזעהן, אז פריהער אדער שפעטער וועלען זיי מוזען נאכגעבען דער יוניאן, און, אלס פראקטישע מענשען, האבען זיי טאקע באלד נאכגעגעבען.

אום צו געבען די לעזער א ריכטיגען באגריף וועגען דעם געווינס פון די באלטימארער קלאוק-מאכער, וועט זיין גענוג איבערצוגעבען דעם רעפארט פון דער סטרייק-קאמיטע אויף דעם מיטינג פון די זיגרייכע סטרייקער לעצטען דאנערשטאג, ווי עס גיט אונז איבער ברודער ה. ס. בערנשטיין אין זיין בריף.

פאר דעם סטרייק האט די יוניאן קאנטראלירט בלויז זעקס שעפער פון די דרייסיג, וואס זיינען דא אין באלטימאר. איצט זיינען געבליבען בלויז דריי שעפער, וואס האבען נאך דערוויילע ניט געסעטעלט מיט דער יוניאן, און 27 זיינען אלע פאלשטענדיגע יוניאן-שעפער. פריהער האט די יוניאן געהאט גוטשטעהענדיגע מעמבערס בלויז א הונדערט. איצט זיינען דא אין דער יוניאן 500 מעמבערס.

אין אלע שעפער איז איינגעפיהרט די סיסטעם פון וואך-ארבייט מיט א 44-שטונדיגער ארבייטס-וואך. איבער 200 ארבייטער האבען געקראגען א העכערונג אין זייערע שכירות פון א דאלאר ביז 6 דאלאר א וואך.

אויף דעם זעלבען מיטינג איז אויך באשלאסען געווארען פארטצוזעצען דעם סטרייק אין די דריי שעפער, וואס האבען זיך נאך ניט אונטערגעגעבען צו דער יוניאן. דער באשלוס וועגען דער ווייטערער קאמף-פיהרונג מיט די דריי קלאוק-פירמען וועט אויסגעפיהרט ווערען מיט דער זעלבער ענערגיע, מיט וועלכער דער דזשענעראל-סטרייק איז אנגעפיהרט געווארען.

אויף דעם זעלבען מיטינג זיינען אויך אנגענומען געווארען הארציגע דאנק-רעזאלוציעס צו ברודער האלפערן, וויס-פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, דעם הויפט פון דעם ארגאניזיישאן-קעמפיין, צו ברודער ס. גאלדבערג, דזשענעראל ארגאנייזער; צו רוטה גארדען, דזשענעראל ארגאנייזערין, און צו א. בראטשטיין, דעם ביזנעס-איידזשענט.

אויף דעם זעלבען מיטינג זיינען אויך פארגעקומען די וואהלען פון די נייע יוניאן-באאמטע, און די קלאוקמאכער יוניאן אין באלטימאר איז איצט איינע פון אונזערע שטארקסטע לאקאלס, וועלכער וועט קיינמאל ניט דערלאזען, אז די מיזעראבעלע צושטענדע פון פריהער זאלען ווען-עס-איז זיך צוריקקעהרען.

הונדערט נייע בעטלאך פארן דענווער סאניטאריום.

צווישען די וויכטיגסטע באשלוסען וואס די נאר וואס געענדיגטע קאנווענשאן פון דענווער סאניטאריום האט אנגענומען איז דער באשלוס, אז עס זאל צוגעבויט ווערען א נייע געביידע, וואס זאל האבען פלאץ פאר נייע הונדערט פאציענטען.

די וויכטיגקייט פון דעם באשלוס באשטעהט ניט נאר אין דעם וואס דורך דער נייער געביידע וועלען נאך הונדערט קרבנות פון דער „ווייסער פעסט" קענען אריינגענומען ווערען אין סאניטאריום. נאר דער באשלוס איז באזונדערס וויכטיג דערמיט, וואס די נייע געביידע וועט זיין ספעציעל פאר פרויען-פאציענטען.

די פראגע פון פרויען פאציענטען איז איינע פון די אנגעווייטאגסטע ביי'ם דענווער סאניטאריום. עס האט זיך געמאכט אזוי, אז אין דעם דענווער סאניטאריום איז דא ווייניג פלאץ פאר פרויען, און אז א פרוי קומט אויס לענגער צו ווארטען אויף איהר נעקסט ווי א מאן.

די פראגע איז שוין אן אלטע און מען האט געוואוסט, אז די 19טע קאנווענשאן וועט געלינגען אט די פראגע צו פארענטפערען, און די קאנווענשאן האט טאקע אנגענומען א באשלוס, אז מען זאל גלייך זעהן צוצוטרעטען צו דער בויאונג פון א ספעציעלע פרויען געביידע.

ווי די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן האבען איבערגעגעבען זיינען זיי זיכער, אז דער עולם וועט זיך זעהר ווארים אפרופען אויפ'ן רוף פון דעם סאניטאריום צו העלפען בויען אט די נייע געביידע.

א ספעשעל מיטינג פון דעם ניו יארקער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

(שלוס פון זייט 1)

פרעזידענט זאל באלד פארלאזען ניו יארק פאר לאס אנדזשעלעס, אום צו זיין דער אנפיהרער פון דעם קעמפיין. ווער עס וועט זיין דער אויסערוועהלטער, איז נאך ניט באשטימט. דאס איז איבערגעלאזען געווארען צו פרעזידענט זינגמאן.

צווייטענס איז באשטימט געווארען א ספעציעלער ארגאנייזער פאר די ארגאניזירונג פון די פריוואט-דרעסמייקערס אין פילאדעלפיא, וועלכער וועט שטעהן אונטער דעם קאנטראל פון וויס-פרעזידענט רייזבערג. אויך זיינען באשטימט געווארען צוויי ספעציעלע ארגאנייזערס פאר ניו דזשוירזי, אום צו העלפען לאקאל 6 אין דעם ארגאניזאציאנס-קעמפיין פון די עמבראידערי-ארבייטער, וואו, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, עס בושעוועט די עפידעמיע פון סוועטשאפס נאר ווי אין די אמאליגע צייטען. די ביידע ספעציעלע ארגאנייזערס וועלען שטעהן אונטער דעם קאנטראל פון וויס-פרעזידענט האלפערן, טשיף פון אונזער איסטערן ארגאניזיישאן דעפארטמענט.

דריטענס, זיינען אויסערוועהלט געווארען דעלעגאטען צום קאנפערענץ אין אלבאני, וואו עס וועט דיסקוטירט ווערען די פראגע פון ארגאניזירען א סטייט לייבאר פארטי פאר ניו יארק, און אויך דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון פיפעלס רעליף.

אויך האט פרעזידענט זינמאן מיטגעטיילט דעם באארד די פרעהליכע בשורה, אז אין טאלידא איז ענדליך ווידער אויפגעלעבט געווארען די קלאוקמאכער יוניאן, און דאס עס ווערט דארט געמאכט גרינדליכע שטילע ארגאניזאציאנס ארבייט. מען מעג ערווארטען, אז נאך אין גיכען וועט טאלידא לאזען זיך הערען אין דעם אלגעמיינעם כאר פון דער אינטערנעשאנאל.

צולעצט איז אויך באשלאסען געווארען, אז די אנשליסונג פון דעם פאראייניגטען דרעס-מאכער לאקאל, ווי אויך פון לאקאל 89, אן דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן קען מעהר ווייטער ניט אפגעלענט ווערען, און שוין דעם דאנערשטאג דארף פארקומען דער מיטינג פון דער פאראייניגונגס-קאמיטע מיט פרעזידענט זינמאן, אלס טשערמאן, אויף וועלכען די אנשליסונג דארף, לויט דעם באשלוס פון ג. ע. ב., ווערען א פאקט.

עס זיינען ארומגערעדט געווארען נאך פילע אנדערע פראגען, אבער וועגען דעם אן אנדערש מאל.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון ל. פינקעלשטיין.

אונזערע אינסטיטוציעס.

מען קען זאגען מיט א פולען מויל, און אהן איינציגער „וועלכע״ איבערטרייבונג, דאס אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן איז רייך אין שעהנע און נוצליכע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען ווערט געלויבט צו ווערען, און ווי ווערען טאקע פון צייט צו צייט געלויבט אין דער פרעסע. און די ליב, וואס ווי בעקומען, איז ניט אומזיסט, וואס מען וויל ליבען, ווייל דאס איז אן ארבייטער־אינסטיטוציע און „מען דארף עס ליבען״, ניין! די ליב איז גאנץ פשוט א פארדינטע ; עס איז א ליב־געזאנג פאר דער שטילער, גרונטאווער ארבייט, וואס עס טוען מאנכע פון די אינסטיטוציעס פון אונזער אינטערנעשאנאל. און מען קען אויך זאגען, ווי באשיידען מיר וועלען ניט וועלען זיין, דאס קיין אנדערע אידישע ארבייטער יוניאן האט זיך נאך דערווייל ניט אזוי שעהן פאנאנדערגעוואקסען, האט זיך נאך ניט אזוי שעהן פאנאנדערגעבליהט און געשאפען אזעלכע שעהנע און אויך העכסט נוצליכע אינסטיטוציעס, ווי דאס האט געטאן אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן.

היינטיגס מאל קומט מיר אויס איבערצוגעבען, וואס עס איז ניט לאנג צוריק ערשינען אין ניו יארקער „פארווערטס״, וועגען צוויי זעהר וויכטיגע אינסטיטוציעס, וואס די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל האבען געשאפען אין די לעצטע עטליכע יאהר, פאר׳ן נוצען פון די מיטגלידער. עס איז אמת, דאס די צוויי אינסטיטוציעס זיינען גאנץ פארשיידען אין כאראקטער, אבער זיינען גלייך נוצליך פאר׳ן אויפהאלטען און פארבעסערען דאס געזונט פון די מיטגלידער.

צו ערשט קומט דער „יוניאן העלט סענטער״, אן אינסטיטוציע, וואס איז אויסגעבויט געווארען און ווערט אויפגעהאלטען פון איינציגע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין ניו יארק. דאס איז אן אינסטיטוציע, וואס וויפיל מען זאל וועגען דעם ניט שרייבען, וועט נאך אלץ ניט זיין גענוג אין פארגלייך מיט דעם, וואס דארט ווערט געטאן פאר אויפצוהאלטען און פארבעסערען דאס געזונט פון די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס. אבער מיר וועלען בעסער געבען דאס ווארט צו הענרי ל. סמיטה, א שרייבער פון „פארווערטס״.

אין אן ארטיקעל, וואס איז מיט א קורצער צייט צוריק ערשינען אין „פארווערטס״ וועגען דעם „יוניאן העלט סענטער״, זאגט ער:

„די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן קריגט, דאכט זיך, „פובליסיטי״ פאר יעדען שריט וואס זי מאכט ; זי האט זיך אבער נאך אלץ ניט אויסגעלערענט צו לאזען זיך „בוסטען״ ווי עס דארף צו זיין. אט האט זי זיך איינגעשאפט אן אינסטיטוציע, וואס גאט און לייט מעגען איהר דערפאר בענשען און — שא, שטיל, די אינסטיטוציע טוט זיך שטיל איהר ארבייט און די נאהענטע מענשען פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן קוועלען שטילערהייט פון דער ארבייט.

מיר מיינען דא דעם געזונדהייטס־צענטער, וואס די אינטערנעשאנאל האט אויפגעבויט — דעם „יוניאן העלטה סענטער״ אויף דער 17טער סט., וואו מעמבערס יוניאן־לייט, וועלכע זיינען קראנק, קומען אהין און קריגען מעדיצינישע הילף.

ווען דער „יוניאן העלטה סענטער״ איז אויפגעבויט געווארען, האבען מיר געשריבען ; אבער דאס איז שוין עטליכע יאהר, און אין די עטליכע יאהר איז עס געווארען אזא אינסטיטושאן מיט „עלעלי״ שטיילונגען, וואס די בעלי־בתים איהרע, די ארבייטער, די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל, קענען ווירקליך שטאלצירען.

די פארגרעסערונג פון דער אינסטיטושאן, דער סטאף פון דאקטוירים, די פארשידענע מעדיצינישע איינריכטונגען, דער „עקס רעי״ דעפארטמענט, די נאר באזונדערע דענטיסטען־אפטיילונג און צו שלעפ די באהאנדלונג, וועלכע די יוניאן־מעמבערס קריגען, דער גייסט, וואס הערשט דארטען — דאס איז עפעס, וועגען וואס מ׳קען שרייבען און שרייבען מיט לויב־געזאנג פאר דער אינטערנעשאנאל.

קודם כל ווייזט דער גאנצער אויפבוי, אז אונזערע יוניאנס פארשטעהען זיך ניט נאר מיט דעם ארבייטער׳ס לעבען אין שאפ, נאר אויך אויסער׳ן שאפ. אדער בעסער : אונזערע יוניאנס פארשטעהען, אז דעם ארבייטער׳ס לעבען אויסער׳ן שאפ ווערט בעשטימט פון די באדינגונגען אין שאפ. און ווען ארבייטער ווערען קראנק, דארפען זיי האבען זייערע איינענע אינסטיטוציעס פונקט אזוי ווי זיי דארפען זיין ארגאניזירט מאנ־טעגליך צו בעשיצען זיך געגען דעם באס.

א גרויסע צאהל קראנקהייטען אין דעם לעבען פון אן ארבייטער קען דאך אבער פארמידען ווערען, אויב מען זאל נאר וויסען ווי אזוי אויפצופאסען אויף זיך, ווי אזוי אומצוגעהן, ווי אזוי צו „הענדלען״ זאכען. און דער „יוניאן העלטה סענטער״ טוט אויך דיזע ארבייט. עס ווערען געהאלטען סיסטעמאטישע לעקטשור־קורסען איבער געזונדהייטס־פראגען און די לעקטשורערס זיינען די דאקטוירים פונ׳ם „סענטער״.

דער יוניאן העלטה סענטער רינגט אויך פאר־ציעל די לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל, וואס האבען קראנקען־בענעפיט־פאנדען. אין דעם העלטה סענטער ווערען די מעמבערס מעדיציניש עקזאמינירט.

אין סטרייקס, ווען ארבייטער פארדינען גאר ניט און קענען „זיך ניט פארגינען״ צו געהן צו פריוואטע דאקטוירים, ווען עפעס מאכט זיך אין זייערע פאמיליען, איז דער „יוניאן העלטה סענטער״ א „קליניק״ פאר שלעפען. עס באנוצען זיך מיט׳ן „העלטה סענטער״ פון דער אינטערנעשאנאל אויך אנדערע יוניאנס. אין דעם גרויסען סענטער׳ס שניידערשטרייק אין יאהר 1921, איז דער יוניאן העלטה סענטער אויך געשטאנען צום דינסט פון דער אמאלגאמייטעד.

דר. דושארדוש מ. פרייס, דער דירעקטאר פון דעם העלטה־סענטער, מיט וועמען עס האט זיך אייגענטליך אנגעפאנגען די גאנצע באוועגונג פאר אויפפאסען איבער דעם סאניטארען צושטאנד אין דער אינדוסטריע, און וועלכער איז אויך דער דירעקטאר פון דושוינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל — דר. פרייס, ווייזט אן אויף די ספעציעלע „קליניקס״, וואס דער „סענטער״ האט איינגעארדענט פאר נאז־און־אויערען־קראנקהייטען, הויט־קראנקהייטען, לונגען־קראנקהייטען און נערוועזע קראנקע. מיט דיזע „קליניקס״ באנוצען זיך גאר פילע יוניאן־מעמבערס. און נאך מעהרער באנוצען זיך מעמבערס מיט דעם דענטאל קליניק. דער דעפארטמענט פון צייהן־פיקען איז גאר פאפולער. דר. פרייס ווייזט אויך אן אויף דער פאפולאריטעט פון „יוניאן העלטה סענטער״ אין מעדיצינישע קרייזען און צווישען האספיטאלס, סיי קהל׳שע און סיי פריוואטע. מען רעדט אומעטום וועגען „יוניאן העלטה סענטער״ מיט א באזונדערער אנערקענונג אלס אן אויפטו פון אן ארבייטער־ארגאניזאציע.

אזוי געפינט זיך אין א ווינקעל פון אונזער יוניאן־וועלט א שעהנע אינסטיטוציע, א נוצליכע, א גוטיגע, — וואס העלפט פארלייכטערען דאס ארבייטער׳ס לעבען. זאל די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן האבען דעם קרעדיט, וואס קומט איהר פאר דעם״.

אט דער „יוניאן העלט סענטער״ פארנעמט איצט א געביידע פון פיר עטאזשעס, אבער וואס ווייטער קומען דארט צו אלץ נייערע קליניקס און די געביידע ווערט צו קליין. ווי עס שיינט, וועט עס ניט נעמען לאנג און די אינסטיטוציע וועט זיך געפינען אין א סך א גרעסערער בילדינג, וואו אט די זעהר נוצליכע ארבייט, וואס עס ווערט דארט געטאן פאר די מיטגלידער, וועט א סך מעהר אויסגעברייטערט ווערען. דר. דושארדוש מ. פרייס, דער דירעקטאר און די נשמה פון דער אינסטיטוציע, טראגט זיך ארום מיט גאר גרויסע פלענער וועגען דעם, און ער וועט זיינע פלענער געווים דורכפיהרען אין לעבען.

און יעצט קומען מיר צו א צווייטער אינסטיטוציע אין אונזער יוניאן, אויך פאר׳ן פארבעסערען דאס געזונט פון די מיטגלידער, כאטש אויף א גאנץ אנדער ארט, — מיר מיינען די „יוניטי הויז״ פון אונזערע ווייסט און דרעס מאכער, אין פארעסט פארק, אין די „בלויע בערג״ פון פענסילווייניא.

מאנכע וועלען אוודאי זאגען : וואס איז עס פאר א סמיכות הפרשה ? וואס פאר א שייכות האט די יוניטי הויז, א זומער־היים, מיט׳ן „יוניאן העלט סענטער״, וואס איז כמעט א האספיטאל ? זאג איך אייך, — עס האט שוין גאר א שייכות ! וואס מעהר פון אונזערע מיטגלידער עס וועלען אין זומער־צייט פארברענגען אין דער יוניטי הויז, אלץ ווייניגער פון זיי וועלען דארפען געהן ווינטער אין יוניאן העלט סענטער. מען קען זאגען, דאס די יוניטי הייזער אונזערע טוען אויך גאר א סך צו פארקלענערען די צאהל פאציענטען פאר׳ן יוניאן העלט סענטער. איהר וועט שוין דעריבער פארשטעהן, ווארום מיר האבען אויסגעקליבען צו רעדען וועגען די ביידע אינסטיטוציעס אין איין און דער זעלבער צייט.

און אט די יוניטי הויז, ווי דער יוניאן העלט סענטער, ווערט וואס ווייטער אלץ מעהר פאפולער צווישען אונזערע מיטגלידער, און אלץ א גרעסערע צאהל פון זיי קומען ארויס אהין זומער־צייט זיך צו פארבעסערען דאס געזונט און טאקע הנאה האבען פון לעבען אויך. ווארום די יוניטי הויז איז ניט בלויז א קאנטרי פלאץ, עס איז אויך אן אמוזירונגס פלאץ, וואו מען קען זעהר גוט פארברענגען און געניסען פון אלע שעהנקייטען פון דער מוטער־נאטור.

און וועגען אט דער „יוניטי הויז״, וואס איז, אייגענטליך, ניט קיין הויז, נאר א גאנצע קאלאניע, ווערט לעצטענס א סך געשריבען אין דער פרעסע, און מיר קאנען זיך ניט אפהאלטען פון צייט צו צייט איבערצוגעבען פון דעם, וואס עס ווערט וועגען דעם געזאגט.

חבר ב. באטווינניק, איינער פון „פארווערטס״־סטאף, האט ניט לאנג צוריק פארבראכט איינציגע טעג אין דער יוניטי הויז און ער האט באשריבען זיינע איינדרוקען אין א לענגערען ארטיקעל אין „פארווערטס״ אונטער׳ן קעפעל : „א פאר טעג פון פארגעניגען אין דעם זומער־פלאץ פון דער ווייסט און דרעס מאכער יוניאן״. מיר גיבען דא איבער בלויז איינציגע אויסצוגען פון דעם ארטיקעל, אבער דאס איז גענוג פאר די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט״ צו זעהן, וועלכע באגייסטערונג די יוניטי הויז רופט ארויס ביי די וואס קומען אהין.

ער שרייבט :

„עס מאכט זיך אמאל, אז מען פאהרט ארויס אויף א פאר טעג זומער אין קאונטרי ; מען טרעפט זיך מיט מענשען, מיט נייע פנים׳ער אונטער א בלויען הימעל, אונטער דעם שאטען פון א בליהענדע בוים און מען פארברענגט אינטערעסאנט און פרעהליך. אזא פאר טעג אין קאונטרי טיילען זיך אויס פון אלע אנדערע טעג פונ׳ם לעבען און זיי קריצען זיך איין אין דעם געדעכ־ניש אלס א שעהנע עראינערונג. די פאר טעג וואס איך האב פארבראכט אין דער יוניטי הויז, געהערען אט צו אזעלכע שעהנע פאר טעג און דערצו נאך זיינען זיי באבלומט און באצירט מיט גאלדענע ראנדען, און דער איינדרוק פארבלייבט אין מיין הארצען.

די ליידיס ווייסט און דרעסמאכער יוניאן האט א זומער־וואוינונג פאר איהרע מיטגלידער צו פאהרען אויף וואקיישאן.

„די יוניטי הויז״ הייסט דיזע מערקווירדיגע פריצ׳ישע פארם, וועלכע געפינט זיך אין פארעסט פארק, פענסילווייניא, אויף א הויכען בליהענדען בארג״.

דער שרייבער דערצעהלט דאן וועגען די פארגעניגענס, וואס ער האט דארט געהאט אין די פאר טעג, וואס ער איז דארט געוועזען, און ער זאגט :

„...דער פארגעניגען באשטעהט אין טויזענדער, טויזענדער געפיהלען, וואס איך האב פון דער יוניטי הויז אוועקגעטראגען מיט זיך מיר אין הארצען. א נייעם קוואל פון באגייסטערונג פאר די שעהנקייט פון אונזער לעבען, פון אונזערע ארבייטער־ארגאניזאציעס און פון דעם ווערטפולען מאטעריאל, פון וועלכען אונזערע אידישע יוניאנס באשטעהען האב איך אין מיר דערפיהלט, זייט איך האב די יוניטי הויז בעזוכט״.

דער שרייבער וויל אויך איבערגעבען, ווי עס געהט צו די רייזע, איידער מען קומט אין דער יוניטי הויז, ווארים אויך אין דעם געפינט ער שוין פארגעניגען, און ער שרייבט :

„...עס פאהרען ארבייטער, ארבייטער־מיידלאך. איך בעקוק דעם עולם, די פנים׳ער און איך זעה ארבייטער. דער שאפ און דער קאמף פאר׳ן לעבען, פאר׳ן טאג־ארבייט איז אויסגעקריצט אויף די פנים׳ער. איך פארטראכט זיך אויף די ארבייטער־מיידלאך, וואס איך האב געקענט מיט 15—16 יאהר צוריק, ווען איך בין אנגעקומען אין אמעריקא און איך באמערק א גרויסען אונטערשייד צווישען יענע און די איצטיגע, וואס איך זעה דא אין טרעין. אן אנדער סארט מיט ארבייטער־מיידלאך זעה איך. איצט זעה איך א מעהר אמעריקאניזירטען עולם, א מעהר פארפוצטען עולם, אן עולם מיט פרייערע אויגען, מיט שטאלצערע בליקען.

הערענדיג די ערנסטע געשפרעכען פון די מיידלאך, פאהרענדיג אין וואגאן, טראכט איך, אז עס פיהלט זיך עפעס צו ווייניג לעבענס־לוסט. יונגע מענשען פאהרען א לעב טאן אין קאונטרי און וואקיישאן־ווען הערט זיך א געלעכטער און נאר זעלטען א שטיפעריש געלעכטער. שפעטער האב איך איינגעזעהען, אז איך האב א טעות געהאט אין די לעבענסלוסטיגקייט פון אונזערע ארבייטער־מיידלאך. אזוי שנעל ווי מען איז צוגעקומען צו בושקיל, די סטיישאן לעבען דער יוניטי הויז, און מען האט זיך צוזעצט אויף די גרויסע אמניבוסען, האט אויפגעפלאקערט די חסיד׳ישע התלהבות צווישען דעם עולם. עס האט מיר אויסגעזעהן, דאס פריהער, אויף דעם וועג ווייט פון דער יוניטי הויז, האבען די יוניטי מיידלאך ניט געקענט זיין פרעהליך, ווי די פארטריבענע אידען פון ירושלים האבען ניט געקאנט זינגען זייערע שעהנע לידער אויף דער פרעמדער ערד, ביי די טייכען פון בבל.

פון צווישען דעם עולם אין אמניבוס האט איי־נע אנגעהויבען זינגען. די איינע האט טאקע געזונגען מיט זעהר א געשמאקער שטימע, מיט טעם און חן. וועלכע באַ׳טעמ׳טע שטימען צום זינגען זיינען דא א סך צווישען די שאפ־מיידלאך אין ניו יארק. אט די איינע האט אנגעצונדען דעם התלהבות. דער גאנצער עולם האט געזונגען רע־וואלוציאנערע לידער, אידישע און רוסישע פאלקס־לידער און ספעציעלע לידלאך, וואס ווערען יעדען זומער פארפאסט אין דער יוניטי הויז.

דער „באס״ האט געקרעכצט, געכראפעט און געהוישעט מיט געוואלדיג קריכענדיג מיט זיינע שווערע רעדער אויף די בערג, אלץ בארג־ארויף, בארג־ארויף, און דער עולם איז געווען מונטער געשטימט און געקנאקט וויצען און געזונגען לידער.

מיט דעם אנקומען אויף דעם פרעכטיגען „גראונד״ פון דער יוניטי הויז, איז דער לעבענס־לוסט געשטיגען און זיך נאכהער צושפרייט און צופלאקערט צווישען אלע געסט און ווי א פאמיליע פון א דריי הונדערט מענשען האט מען אפגעהוליעט א פאר טעג מיט זעהר געלונגענע הומאריסטישע איינפעלע.

אפווייענדיג די פאר טעג מיט די לוסטיגע יונגע ארבייטער און פארברענגענדיג אזוי ווי אויף א אידישע פרעהליכע חתונה, בין איך ווי־דער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז וואס מעהר קבצן, אלץ מעהר הוליאקע.

ווען מען דערזעהט דעם גראונד, דעם בליהענדען פלאץ, פארגאפט מען די אויג פון שעהנקייט. אונזער קלאס מענשען קען ניט באוויייזען צו פאהרען אויף אזא גרויסארטיגען מאיאנטעק צו דער טשעווען, ווען דאס זאל זיין א פריוואטע אונטערנעהמונג.

איידער די יוניאן האט אפגעקויפט דעם פלאץ און א נאמען געגעבען עס „יוניטי הויז״, האט דאס טאקע באלאנגט צו א מיליאנער. זעהר רייכע לייט פלעגען פאהרען אהער און דער פרייז פאר עסען און שלאפען איז געווען הונדערט דאלאר א וואך.

דאס איז א מערקווירדיגער מאיאנטעק פון זיבען הונדערט אקער לאנד, מיט שעהנע וועלדלאך, מיט א פרעכטיגען טייך (א לעיק) צום באדען זיך און שיפען זיך, מיט א גרויסען הויף מיט בוימער, בלומען, לאנקעס, בעסערקעס, וועגען און וועגעלאך און ארום דעם גרויסען קולטיווירטען גראונד, וואס צו זיין שעהנקייט איז זעלטען א גלייכען צו געפינען, שטעהען אין שאטענס פון בוימער די הייזער, די קאטעדושעס, אין וועלכע עס זיינען דא ליכטיגע גרויסע צימערען.

אט אין דיזע צימערען, אין דיזע בעטען, אין דיזע בעסערקעס אונטער די בוימער, פלעגען זיין די רייכע, די באסעס פון די ארבייטער. איצטער האט עס די ווייסט און דרעסמאכער יוניאן און די ארבייטער האבען דא זייער וואקיישאן. דער געפיהל, אז די באסעס האבען עס געהאט און איצט האבען עס די ארבייטער, איז א מערקווירדיגער און א הנאה׳דיגער.

...א גרויסען ווערט האט די פרייקייט פון קליידען זיך. אין דער יוניטי הויז איז „נידער מיט קאלערס און דרעסעס״. די מענער און די פרויען געהען אנגעטאן אין ניקערס, אין קורצע הויזען און בלוזקעס און אוים שקלאפעריי צו דעם קליידען זיך.

ס׳איז דא א לייבערערי רום. דערפאר איז ני־טא קיין קארטען שטיבעל צום געמבלען.

ווי א מערקווירדיגע פאמיליע לעבען דארטען די געסט, די יוניאן־לייט.

די שעהנקייט פון דעם פלאץ איז אבסאלוט אומבאשרייבליך. און די שעהנקייט ליגט ניט

פיהלט איהר מיך ווי צו פארלאזען

פון ה. גודעלמאן.

פיהלט איהר מיך ווי צו פארלאזען,
פארלאזען פארלאזט געזונטערהייד ;
זאל אייך גארניט ארען
פאר מיין צער, פאר מיין לייד, —
כ׳וועל אין אייער פארלאזען
אויך געפינען פרייד.
וועט איהר אמאל פיהלען
צוריקקעהרען צו מיר,
קומט געזונטערהייד.
אפען שטעהט פאר אייך מיין טיר,
דער טיש מיט אלדעם גוטס בעגרייט,
כ׳טראג קיין בייז פאר אייך אין מיר,
קומט געזונטערהייד.

פרעסער

מיר בעטען אייך, אז איהר זאלט לייענען דיזען לעטער מיט אפענע אויגען, ווארים מיר ווילען פארהיטען אייער געזונט.

איהר זאלט וויסען, דאס די ווייער-ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און ביליוויע וואס מיר האבען ביז יעצט געמאכט פאר די שעפער, זיינען געמאכט געווארען אזוי, דאס ווען די מאשינען זעצען אריין די ווייער באגיסט מען מיט א סך צעמענט און מען קלעפט צו מיט א לייוונט, אום די ווייער זאל ניט ארויסקריכען צוריק.

דיזער צעמענט איז געמאכט פון א ברענענדע שטאף וואס באזיצט זעהר א שווערען גערוך, און ווען איהר פארעט דאס מיט וואסער און מיט הייסען אייזען, געהט אייך אריין דער גערוך אין הארצען, וואס דאס קען זיין שעדליך.

זאגאר פילע ארבייטער פון אונזער שאפ האבען זיך באקלאגט אויף א הארץ-שוואכקייט. אן אונטערזוכונג פון א דאקטאר האט געצייגט, דאס די שטארקייט פון דעם צעמענט שארט דאס הארץ און די אויגען. אונזערע ארבייטער רופען דאס אן „קאנסאמפשאן-ברעטלאך".

מיר האבען די לעצטע צייט גענומען צוקלאפען די ווייער-ברעטלאך אויף פראסטע שטיקער האלץ. נאר יעדע האלץ האט אין זיך א געוויסע צאהל פעך, און ווען איהר צעווארימט די צעמענט פון דער ווייער-ברעטעל און די האלץ, איז דער גערוך זעהר שעדליך פאר אייער געזונט! מיר האבען געאפפערט שווערע געלט צו מעכאניקער זיי זאלען געפינען א מיטעל צו מאכען א ווייער-ברעטעל אהן צעמענט און אהן האלץ, אבער עס איז געווען זעהר שווער אויסצוארבייטען.

אבער יעצט קענען מיר אייך אנזאגען א גרויסע שמחה, דאס מיר האבען יעצט באקומען א נייעם פעטענט אויף א ווייער-ברעטעל, וואס קיין צעמענט און קיין האלץ ווערט ניט געברויכט דערצו — מיר האבען ערפונדען אזא סארט לייוונט, וואס איז געמאכט פון קופער, און מיר האבען איינגעפיקסט מאשינען, וואס טשעפען-צו די ווייער ברעטעל צו די סך פער-לייוונט און עס קומט ארויס גוט און ציכטיג — א געזונט אין הארצען!

די ווייער-ברעטלאך זיינען ווייך און מען קען זיי בויגען ווי מען וויל, און די גרעסטע סייז וועגט נאר 2 פונט אנשטאט וואס די שטיקער האלץ וועגען 16 פונט. איהר וועט באוואונדערען די צופרידענהייט פון אונזער נייעם פעטענט, וועלכער איז א וואונדער פון דער צייט, און דערצו איז דאס אזוי שטארק, דאס עס קען איבערלעבען 10 ברעטלאך פון דעם אלטען סטייל. מיר געבען אייך אן עצה — ווארפט אראפ פון אייער ארבייטס-טיש די שווערע הילצערנע ברעטער. ווארפט אויך אראפ די שמוציגע, פארפעכטע לייוונט, וועלכע עס עקלט אין האנד צו נעמען. שרייט אין איין קול: „נידער מיט די האלץ! נידער מיט די נעפעכטע לייוונט!"

אויב מען דארף ביי אייך אין שאפ א ווייער-ברעטעל צו פרעסען וועלוועט, פלאש אדער ביליוויע, קויפט אונזער נייעם פעטענט די קופערנע לייוונט.

מיר לאדען איין אלע פרעסער און דעזיינערס, ווי אויך אייערע באסעס, זיי זאלען קומען זעהען אונזער נייעם וואונדערבארען פעטענט ווייער-ברעטעל, וועלכער וועט זיין א געזונט אין הארצען דעם פרעסער און א געזונט אין פאקעט אייער באס, ווייל עס קאסט ניט טייערער פון די אלטע שמאטעס.

עס איז אנערקענט געווארען אין די גרעסטע שעפער פון ניו יארק פאר די בעסטע ברעטלאך, וואס איז ווען געווען.

צו באקומען ביי די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני, 123 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעלעפאן אשלאנד 2220.

ביטע פריינדליך, גיט דיזען לעטער צו אייער באס. ארוו.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קאן אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט

טעלעפאן: הארלעם 9020.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

עקזאמינערס און בושלערס

יוניאן לאקאל 82

אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. טעל. לעקסינגטאן, 5217.

דער באשלוס איינצופיהרען אין אונזער לאקאל קראנקען- און רעליף בענעפיט איז אריין אין קראפט דעם ערשטען יולי, 1923.

יעדער מעמבער פון לאקאל 82 דארף יעדען חודש צאהלען אן עקסטרא וואך דיוס-אסעסמענט פאר'ן קראנקען בענעפיט און רעליף-פאנד. דער אסעסמענט מ ו ז געצאהלט ווערען מאנאטליך. קיין מעמבער קאן ניט צאהלען דיוס פאר'ן צווייטען מאנאט, ביז ער האט פריהער ניט באצאהלט דעם אסעסמענט פאר'ן פאריגען מאנאט.

מעמבערס וואס זיינען נאך שולדיג דעם קאנסאמפשאן אסעסמענט אויף זייערע אלטע ביכלאך (בעפאר יולי, 1923) זאלען עס באצאהלען בעפאר דעם ערשטען אויגוסט, 1923.

שאפ טשערליים, מאכט דערויף אויפמערקזאם אונזערע מעמבערס!

מ. גרייפער, פרעזידענט. מ. י. אשפיז, סעק.-מענעדזשער.

אייער דענטיסט

עקזאמינירט אייערע צייהן, אהן ירגענד וועלכען קאסט, ביי אייער אייגענעם דענטיסט אין

יוניאן העלט סענטער

131 איסט 17טע סטריט, נ. י.

דער דענטאל דעפארטמענט פון דעם יוניאן העלטה סענטער האט אין יאהר 1922 געדינט 10,000 ארבייטער, דאס הייסט, מיטגלידער פון דער א. ל. ג. וו. י. און זייערע פאמיליעס. דער דענטאל דעפארטמענט איז אויסגעשטאטעט צו דינען

יעדען מיטגליד פון דער יוניאן און זייערע פאמיליעס

דער דענטאל דעפארטמענט פון יוניאן העלט סענטער איז א י י ע ר ד ע נ ט י ס ט. די פרייזען פאר דער ארבייט ווערען גערעכענט לויט דעם קאסט, אהן ירגענד וועלכען פראפיט.

האט אין זינען, א קליין לעכעלע אין א צאהן היינט, מיינט א שלעכטער צאהן אויפצומארגענס.

אפיס שטונדען: טעגליך פון 10 אין דער פריה ביז 8 אוהר אווענט.

שבת: פון 10 אין דער פריה ביז 5 נאכמיטאג.

דעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באלדיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהל איז נאמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטאדען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטעררריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציאן.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

15 WEST 37th STREET, NEW YORK

Phone: Fitz Roy 1674

קריגט איהר די „גערעכטיגקייט" יעדע וואך?

קריגען אייערע בעקאנטע די צייטונג יעדע וואך?

אויב ניט, ווארום ניט?

פרובירט דאס אויסגעפינען פון אייער לאקאל סעקרעטער, אדער שרייבט דירעקט צו דעם

Publication Dept. I. L. G. W. U.

3 West 16th Street, New York City

אינשורענס פאר קלאוקמאכער

לעבענס פארזיכערונג

20 יאהר ענדאומענט

20 יאהר פיימענט

סאול מעטץ

איצט מיט דער

ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאניע

110 איסט 23טע סטריט

טעלעפאן: גראמערסי 4224.

הויז אדרעס: 2008 דיילי עווע., בראנקס, טעל.: פארדאם 7619.

אויגען עקזאמינירט מיט די נייעסטע אינסטרומענטען —

אין דר. בעקער'ס אפטיקעל אפיסעס נעהמט מען ניט קיין טשאנסעס. דערפאר איז עס זיכער, אז דר. בעקער'ס ברילען זיינען אן אמת'ע הילף פאר'ן אויג: זיי פארשטארקען די זעה-קראפט און באפרייען דאס אויג פון אנשטרענגונג.

אלע ארבייטען ווערען געטאן אונטער דר. בעקער'ס פערזענליכער אויפזיכט, מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט.

מאנהעטען:

213 איסט בראדוויי — 2313 זיבעטע עוו.

131 סעקאנד עוו. (קאר. 8טע סט) — (צווישען 135טע און 136טע סט.)

111 איסט 23טע סט. (נעבען 4טע עוו.) — 100 לענאקס עוועניו

בראנקס:

895 פראספעקט עוו. — 262 איסט פארדאם ראוד

ברוקלין:

1709 פיטקין עוועניו.

Dr. BARNETT L. BECKER
OPTOMETRIST OPTICIAN

ווייסט איהר, אז

מארים סיימאן, אן עקספערט אין מינעו-מאשינערי, האט פארלאזען ניו יארק פאר פאלעסטינא אויף דער „ברענענגאהא" לעצטע וואך, אום צו אונטערזוכען די פארשידענע שטיין-פארמעציעס, אום אויסצוגעפינען די קאמערציעלע מעגליכקייטען פון דער אונטערנעהמונג, און אום צו באשליסען וואס פאר א מאשינעריע עס פאדערט זיך פאר דער ערפאלגרייכער אפעראציע פון די שטיין-מינען אין איינקלאנג מיט דער מאדערנער אמעריקאנער סיסטעם פון שטיין-ארבייט? ווייסט איהר, אז דער טאבאק אין דעם סיגאר טערקישען סיגארעט איז הונדערט פראצענט ריין טערקישער און איז דער בעסטער און דער קאסטבארסטער טאבאק, וואס וואקסט אין אריענט?

לייף און פייער אינשורענס

מיט סארא פינקעלשטיין

אפעלירט צו די קלאוקמאכער דאס איבער זיי דארפען

ירגענד וועלכע אינשורענס זאלען זיי זיך ווענדען אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

SARAH FINKELSTEIN

264 Grant St., New York

קויפט אויסשליסליך

סאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

צוויי מיטינגען פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22

(שלוס פון זייט 1)

מאן און ה. וואגנער, סעקרעטאר פון דער ג. ע. ב. קאמיטע, זיינען מיר אויסגעפאדערט צו ערוועהלען אין שיקען א קאמיטע פון דריי צו א קאנפערענץ מיט דער קאמיטע פון לאקאל 28, ביי וועלכען די גענעראל עקזעקוטיוו באארד קאמיטע וועט זיין אנוועזענד. די ראווינג ג. ע. ב. קאמיטע איז אויסגעקליבען געווארען מיט'ן צוועק אויסצוארבייטען גענויע פּלענער ווי אזוי דורכצופיהרען דעם באשלוס פון דעם גענעראל עקזעקוטיוו באארד. דער מיטינג וועט אפּגעהאלטען ווערען דאנערשטאג, יוני דעם 28טען אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל.

דער עקזעקוטיוו באארד האט ווארעם דיסקוטירט איבער די אויבענגעבראכטע צושריפטען און צום סוף באשלאסען צו ערוועהלען א קאמיטע פון 5, וועלכע זאל געמיינשאפטליך מיט די פאראינטערעסירטע לאקאלס, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן אונזער דזשאינט באארד, אויסארבייטען פּלענער וועגען דעם אנשליסען אן דעם קראוקמאכער דזשאינט באארד אזוי, אז די אינטערעסען פון אונזערע מיטגלידער און די מיטגלידער פון די אנדערע לאקאלס, וועלכע ארבייטען אין אונזערע שעפער זאלען אפּגעהיט ווערען און זי זאל די זאך אויפנעמען מיט'ן גענעראל עקזעקוטיוו באארד.

די פאלגענדע זיינען ערוועהלט געווארען אין דער קאמיטע: ראוו וואלקאוויץ, ס. בלומשטיין, מאלי פרידמאן, י. הארוויץ און סאניא טשייקין.

עס איז ווייטער באשלאסען געווארען, אז די ראווינג קאמיטע זאל ערוועהלען א קאמיטע פון דריי, וועלכע זאל זיך צוזאמענקומען מיט דער קאמיטע פון לאקאל 28, דאנערשטאג דעם 28טען יוני אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

י. שעהנהאלץ,
סעקרעטאר.

פעהלער אויסבעסערונג.

אין דעם שלוס פונ'ם באריכט פון לאקאל 22, לעצטע וואך, האט באדארפט זיין, אז פאר'ן לעצטען יאהר איז אויסגעצאהלט געווארען אלס פער קאפּיטא טעקס צו דער אינטערנעשאנאל 39,500.00 דאלאר און ניט 3,950.00 ווי עס איז געווען געמעלדעט.

צעהן יאהר עקזיסטענץ פון די באנק און יונייטעד סטייטס

עס איז ערשט צעהן יאהר ווי מר. דזשאזעף ס. מארקוס האט געגרינדעט די באנק און יונייטעד סטייטס, און זי איז שוין היינט איינע פון די גרעסטע און פאפולערסטע פינאנץ אינסטיטושאנס אין אמעריקא.

ווען די באנק האט זיך מיט 10 יאהר צוריק געגרינדעט, איז זי באשטאנען בלויז פון איין איינציגע באנק — די באנק אין 77 דילענסי סטריט; היינט באשטעהט זי פון פיער גרויסע באנק־הייזער, אין די פיער וויכטיגסטע גאסבארשאפטען פון גרייטער ניו יארק און יעדע באנק איז אויסגעשטאטעט מיט אלע איינריכטונגען און מיט אלע דעפארטמענטס, וואס א גרויסע באנק מוז האבען. יעדע באנק האט א קאפּיטאל־ און טשעקינג אקאונט דעפּארטמענט, א ספּעשעל אינטערעסט דעפארטמענט, א „טראסט" אקאונט דעפארטמענט, אן אויסלענדישען דעפארטמענט, דורך וועלכען מען קען שיקען געלד נאך דער גאנצער וועלט, א נאוט דעפּארטמענט דיסקאונטס, לעטערס און קרעדיט, באנדס און סעקיוריטיס, א טראוועלינג דעפּארטמענט וואו טיקעטס ווערען פארקויפט אויף די גרעסטע און פראמינענטסטע אייראפעאישע און אמעריקאנישע ליניעס, פון און נאך דער גאנצער וועלט, א. א. וו.

דער גרויסער סוקסעס פון די באנק און יונייטעד סטייטס איז צו פארדאנקען די פריינדליכע אינטערעסע וואס די באאמטע פון באנק האבען גענומען אין אלע זייערע דעפאזיטארס. עס איז ניט געווען א צייט וואס א דעפאזיטאר האט באדארפט אן אמת'ן פריינד, אז די באאמטע פון באנק זאלען זיך צו איהם ניט מתקרב זיין.

און ניט בלויז אינדיווידועלע דעפאזיטארס האבען די באאמטע באהאנדעלט מיט פריינדשאפט, נאר אויך ארגאניזאציאנען, ספּעציעל ארבייטער ארגאניזאציאנען. עס איז א פאקט, אז פיעלע פון די גרויסע סטרייקס אין דער גארמענט אינדוסטריע זיינען געבראכט געווארען צו א סוקסעס דורך די מאטעריעלע און פינאנציעלע הילפע וואס זיי האבען באקומען פון די באנק און יונייטעד סטייטס, דורך דעם איינפלוס פון איהר פרעזידענט מר. דזשאזעף ס. מארקוס.

צווישען די דירעקטארען פון די באנק און יונייטעד סטייטס זיינען דא מאנכע פון די גרעסטע מיליאנערען און פראמינענטסטע מענשען אין דער פינאנציעלער און ביזנעס וועלט — מענשען, וועמעס פארמעגען צוזאמען מיט די סטאקהאלדערס באטרעפט אין די הונדערטע מיליאנען, אבער עס האט קיינמאל ניט פאסירט א פאל, אז ווען א פראמינענטע ארבייטער ארגאניזאציאן האט באדארפט אן אמת'ן פריינד, אז די באנק זאל זיך דערפון ענטזאגען.

דיזען מאנאט ווערט, אלזא, צעהן יאהר ווי די באנק און יונייטעד סטייטס עקזיסטירט. און צו דיזער געלעגענהייט האט די באארד און דירעקטארס דערקלערט א דיווידענד אויף דער רייט פון פיער פראצענט אויף דעפאזיטס אין דעם ספּעשעל אינטערעסט אקאונט דעפּארטמענט, וועלכע זיינען געמאכט געווארען פון יאנואר, 1928 ביז דזשולײַ, 1928, און באטרעפען 100 דאלאר אדער מעהר.

דער אויסלענדישער דעפּארטמענט פון די באנק און יונייטעד סטייטס איז איינער פון די פאלקסמען ארגאניזירטסטע ניט נאר אין אמעריקע, נאר אויך אין איירופּא. איבער 1,000 בענק פארהאנדלען זייערע אויסלענדישע ביזנעס דורך דעם אויסלענדישען דעפּארטמענט פון די באנק און יונייטעד סטייטס.

געלדער ווערען איבערגעשיקט נאך דער גאנצער וועלט. די באנק און יונייטעד סטייטס האט פארבינדונגען מיט 94 לענדער און אויסלענדישע פאזישאנס און האט איבער 7,000 קארעספאנדענט בענקס אין יעדען טייל פון דער וועלט. געלד ווערט איבערגעשיקט איבער דער גאנצער וועלט מיט דער גרעסטער שנעלקייט פאר די קלענסטע טשארדזשעס. געלד נאך יוראפּ פער קייבעל ווערט אפּגעשיקט פאר בלויז 95 סענט; אנדערע בענקס טשארדזשען פאר שיקען פער קייבעל פון $2.50 ביז $5.00.

דער אויסלענדישער דעפּארטמענט פון די באנק און יונייטעד סטייטס שיקט איבער געלד נאך רוסלאנד און דאס געלד ווערט אויסגעצאהלט אין אמעריקאנער דאלארס, מיט א גאראנטיע, אז ווען דער רעסיפּיענט איז ניט ערהאלטען אין 6 מאנאטען צייט פון דעם טאג, וואס דאס געלד ווערט אפּגעשיקט פון ניו יארק נאך רוסלאנד, באקומט דער שיקער צוריק זיין געלד אין אמעריקאנער דאלארס.

ווי שוין געזאגט, באשטעהט יעצט די באנק און יונייטעד סטייטס פון 4 גרויסע און פראכטפולע באנק הייזער: די פינפטע עוועניו באנק — קארנער 5טע עוועניו און 32טע סט.; די דעלענסי סטריט באנק — 77 דעלענסי סט.; די הארלעם באנק — מעדיסאן עוועניו און 116טע סטריט, און די בראנקס באנק — סאוטהערן בולעווארד און פּריסאן סטריט. און יעדע פון דיזע פיער בענקס איז איינגעריכטעט מיט די גרעסטע און שטארקסטע פייער און בורגלער־פרוף סייף וואלטס, מיט באקסעס פאר דעפאזיטארס און סובסקרייבער.

דער צעהנטער געבורטסטאג פון די באנק און יונייטעד סטייטס דעמאנסטרירט, אז פריינדליכע באהאנדלונג און אמת'ע אינטערעסע צו די מענשען, מיט וועלכע א באנק קומט אויס טאג טעגליך צו האנדלען, איז דער זיכערסטער וועג צו ערפאלג.

א באנק מוז זיך אינטערעסירען מיט יעדען דעפּאזיטאר און אין יעדען הינזיכט אכטונג געבען אויף זיין וואהלזיין, און דיזען פרינציפּ האט די באנק און יונייטעד סטייטס פאלשטענדיג ערפילט צו יעדען איינציגען פון די צוויי הונדערט און פערציג טויזענד מענשען, וועלכע האבען דורך די לעצטע צעהן יאהר געעפענט אקאונטס מיט איהר. (**

פארגעסט ניט דעם עקסקוירשאן פון די אינטערנעשאנאל סטודענטען!

מיטגלידער פון די קלאוק־פרעסערס יוניאן, לאקאל 35!

די אדרעסען פון די מעמבערס פון לאקאל 35, וואס ווערען דא געדרוקט, זיינען אלטע אדרעסען, וואס די מיטגלידער האבען אמאל אנגעגעבען. עס איז אבער זעהר נויטיג צו האבען אין אפיס פון דער יוניאן זייערע איצטיגע אדרעסען, און אלע דיזע מעמבערס, וועמעס נעמען עס ווערט דא פארעפענטליכט, ווערען געבעטען אריינצושיקען זייערע איצטיגע אדרעסען. זאלען זיי שיקען דעם אדרעס וואו זיי וואוינען איצט, אין אפיס פון לאקאל 35, 228 צווייטע עוועניו.

לעדזשער־נומער	נאמען	אדרעס
4217	ל. טשערקעס	578 העגדריק סט., ברוקלין.
4901—17245	סעם קאהען	117 טהיימס סט., ברוקלין.
6462	ה. קאלליער	1412 שארלאט סט., בראנקס.
4931—17265	פאול באלקעוויטש	409 א. 2טע סט., נ. י.
3749	ר. טשעגרין	505 א. 5טע סט., ניו יארק.
3712—16359	ב. קאולמאן	184 7טע סט., ניו יארק.
5816	סי. קאהען	32 רידזש סט., ניו יארק.
5117—17410	דזשייקאב קליירוס	150 פארסייטה סט., נ. י.
2994—15884	פ. ראמישעוויץ	209 א. 100טע סט., נ. י.
13823	ס. דרובמאן	232 א. 116טע סט., ניו יארק.
13296	מ. רייצער	209 קעללי סט., בראנקס.
11361	מ. ראלינגנט	438 א. 6טע סט., ניו יארק.
3094	וו. ראמבראווסקי	409 א. 6טע סט., ניו יארק.
4547—16954	סטיווען בראזר	338 א. 13טע סט., ניו יארק.
13636	ז. רעררין	390 מאנראו סט., ניו יארק.
3482	מ. דייוויר	240 ס. 4טע סט., ברוקלין.
1187	נ. דארפמאן	294 ס. 1טע סט., ברוקלין.
2626	ס. דרוקער	64 בעררי סט., ברוקלין.
13872	טשאס. רייווירסאן	368 וואטקינס סט., ברוקלין.
8557	י. רעקאוויץ	132 הערצל סט., ברוקלין.
12872	ב. ראבשיצקי	763 וויליאם עוו., ברוקלין.
11089	ה. ראשעווסקי	96 ראקאווי עוו., ברוקלין.
2142	ב. רעמבאוויץ	451 א. 172טע סט., ניו יארק.
2145	מ. רעמבאוויץ	450 א. 171טע סט., בראנקס.
10172	ל. ריאווידסאן	233 א. 3טע סט., ניו יארק.
3823	דייוויד זאסקינד	1339 44טע סט., ברוקלין.
4560—16966	דזשאו שווארץ	74 דזשארדזשיא עוו., בקלין.
1706	ה. זאקס	1929 פארק פל., ברוקלין.
14284—185	ה. סיגלער	1875 סטווירלינג פל., ברוקלין.
4242	ליאים שייפער	262 פלאיד סט., ברוקלין.
4388—16829	ער. סקלאר	164 העיווארד סט., ברוקלין.
993	וו. סורעוויץ	674 פארק עוו., ברוקלין.
4240	ה. זעמלין	1779 פולטאן עוו., בראנקס.
9285	ס. שליטער	1851 וואשינגטאן עוו., בראנקס.
3716—16162	מייער סאבאלאווסקי	1936 פראספעקט פל., בראנקס.
14411—412	ק. שקוץ	512 א. 12טע סט., ניו יארק.
11200	דזש. שיינער	314 א. 3טע סט., ניו יארק.
10028	ל. שווארץ	628 א. 9טע סט., ניו יארק.
6577	דזש. ספיגעל	649 א. 9טע סט., ניו יארק.
5516	ס. שולמאן	707 א. 3טע סט., ניו יארק.
5149—17435	מאריס זאנענשיין	527 א. 13טע סט., נ. י.
5140—17428	מארטין סאלאווי	528 א. 12טע סט., נ. י.
5051	נ. סעקאוו	605 א. 5טע סט., ניו יארק.
4912—17254	ס. סוואדלער	86 עוו. בי, ניו יארק.

לעדזשער־נומער	נאמען	אדרעס
4648—17027	סעמיועל סקאנדלער	540 א. 5טע סט., נ. י.
4527—16940	פ. סטערן	63 עוועניו די, ניו יארק.
4515—16929	דזשאו שערמאן	184 א. 7טע סט., ניו יארק.
3956	מעקס סיגעל	646 א. 11טע סט., ניו יארק.
3914	ס. שיף	71 עוועניו די, ניו יארק.
3866	שניידער	89 עוועניו סי., ניו יארק.
3471—16195	דזש. שיף	394 א. 8טע סט., ניו יארק.
1894	פה. סלעווניק	254 ברום סט., ניו יארק.
6547	ה. שייפער	106 סאפאלק סט., ניו יארק.
6295	ל. שטעבמאן	227 דעלענסי סט., ניו יארק.
6291	דזש. שלאקס	129 קענאן סט., ניו יארק.
4871—17225	דייוו סאפער	50 רידזש סט., ניו יארק.
4492—16909	לואיס ספעקטאר	246 מעדיסאן סט., נ. י.
4439—16868	דזש. סאבעל	97 ווילעט סט., ניו יארק.
4216	ה. סאלאמאן	101 פארסייט סט., ניו יארק.
3999	א. סטאנקאווסקי	7 העסטער סט., ניו יארק.
3694—16345	דזש. שווארץ	84 לודלאו סט., ניו יארק.
2381	ס. סמיטה	1318 געללער עוו., בראנקס.
2636	א. טוראווסקי	355 א. 10טע סט., ניו יארק.
5010—17326	גייטהען מילים	1188 פאקס סט., בראנקס.
548	הערדי טאמאשאוו	134 ברוק עוו., ברוקלין.
6833	נ. טייטעלבאום	374 א. 40טע סט., ניו יארק.
12644	ק. טרעטש	197 א. 1טע סט., ניו יארק.
12666	דזש. טאקער	37 טשעסטער סט., ברוקלין.
2831—15790	ס. טורטמאן	48 לואיזיאנא עוו., ברוקלין.
11943	ס. טארליז	1797 איסטערן פארקוויי, ברוקלין.
432	מ. טראטנער	1773 פראספעקט פל., ברוקלין.
3456	דזש. מארקאן	3802 פארק עוו., בראנקס.
4949—17279	אנטאן טאבישעווסקי	330 א. 8טע סט., נ. י.
1982	דזשאזעף אוסאטי	305 א. 12טע סט., ניו יארק.
3290	ווס. יודעוויץ	45 העריסאן עוו., ברוקלין.
10867	דזש. וויקאזוסקי	250 ראטשעסטער עוו., ברוקלין.
2036—15339	נ. וויינשטיין	178 א. 7טע סט., ניו יארק.
12577	דזש. וויינבערג	1095 פראספעקט עוו., בראנקס.
3178	ס. ווייסבלאט	264 ווייז עוו., בראנקס.
13829	ה. וואלקאוויץ	11 א. 116טע סט., ניו יארק.
12361	מ. וואולף	1392 מעדיסאן עוו., ניו יארק.
1283—14910	ל. וויינטראוב	948 טריניטי עוו., בראנקס.
5060—17366	זיגמונד ווישיק	207 א. 15טע סט., נ. י.
4490—16908	ד. וויינשטיין	22 א. 11טע סט., ניו יארק.
4118	נייטהען וואלטמאן	122 א. 2טע סט., ניו יארק.
2750	ה. וויס	233 א. 9טע סט., ניו יארק.
12946	מאריס וויס	83 ווילעט סט., ניו יארק.
12516	י. ווייסבראט	188 נארפאלק סט., ניו יארק.
12035	ס. ווייסטראוו	403 גרענד סט., ניו יארק.

ווילט איהר ווערען א סיטיזען?

מאכט ניט קיין שריט אהן דיזען ביכעל.

דער ניט־בירגער שטעלט זיך געוועהנליך פאר, אז צו ווערען א בירגער איז זעהר, זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען, שטעלט ער זיך פאר: א שווערער עקזאמען. און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפּט מען זיך ניט, ווערט ער ניט קיין בירגער.

אין דער אמת'ן איז ניט שווער צו ווערען א בירגער.

נאטירליך, עס פאדערט זיך, אז מען זאל וויסען, ווי אזוי די אמעריקאנער רעגירונג ווערט געפירט, ווי אזוי די געזעצען פון סטייט און שטאדט ווערען פארוואלטעט, אבער אום דאס צו וויסען דארף מען ניט ענדיגען א קאלעדזש.

פאר דיזען צוועק האט די נעטשורעליזיישאן אייד ליעג ארויסגעגעבען א גאנץ נייעם ביכעל, וועלכער הייסט „דער אמעריקאנער סיטיזען". אין דיזען ביכעל איז אנגעגעבען אלעס וואס מען דארף וויסען צו ארויסנעהמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פּייפּערס. די נעטשורעליזיישאן געזעצען זיינען אין דיזען ביכעל ערקלערט אין א פארשטענדליכער אידישער שפּראך און ניט א פּאלשטענדיגען באגריף וועגען אלעס וואס אנבאלאנגט בירגערשאפט.

אויסער דעם ענטהאלט דיזער ביכעל די פראגען, וועלכע ווערען געשטעלט אין קאורט צו די יעניגע, וועלכע נעהמען ארויסנעהמען סיטיזען פּאפּירען. די פראגען זיינען איבערגעגעבען אין ענגליש, אידיש און ענגליש מיט אידישע בוכשטאבען פאר די, וועלכע קענען ניט גענוג די ענגלישע שפּראך.

דאס איז דער בעסטער סיטיזען ביכעל אויף דער אידישער גאס. דער פּרייז פון ביכעל איז 15 סענט. די וואס ווילען עס האבען צוגעשיקט ביי מייל זאלען צושיקען פאר 17 סענט סטעמפּס אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

NATURALIZATION AID LEAGUE, 175 East Broadway, New York, N. Y.

צו די שערהאלדערס פון די קלאוק און סקוירט פרעסערס בילדינג אסס'ן

אלע שערהאלדערס פון דער קלאוק און סקוירט פרעסערס בילדינג אסאסיאיישאן ווערען אויפגעפאדערט צו קומען אין אפיס פון דער קלאוק און סקוירט פרעסערס יוניאן, לאקאל 35, וואו זיי וועלען צוריקקריגען דאס געלט, וואס זיי האבען איינגעצאהלט אויף זייערע שערם.

אין נאמען פון די קלאוק און סקוירט פרעסערס בילדינג אסס'ן,

דזש. ברעסלאו, טרעזשורער.

פאטראניזירט אונזערע אדווערטייזער!

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

און מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזן.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. XV. No. 31. — New York, Friday, August 3, 1923. — פרייטאג, אויגוסט דעם 3טען, 1923 — PRICE 3 CENTS

דרעסמאכער און קלאוקמאכער פאראייניגט אין איין דזשאינט באארד

דער שלום אקט קומט פאר אויף א מיטינג דאנערשטאג, דעם 26טען דזשולי, אונטער'ן פארזיץ פון פרעזידענט מאריס זיגמאן. — „דער דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעסמאכער" וועט זיין דער נייער נאמען פון דער קערפערשאפט.

נאך א לאנגער רייהע פון מיטינגען מיט די פארשיידענע צדדים פון די קלאוקמאכער און די דרעסמאכער, איז ענדליך אלץ אויסגעגליכען געווארען, און דער באשלוס פון אונזער אינטערנעשאנאל, דאס די קלאוקמאכער מיט די דרעסמאכער זאלען זיין פאראייניגט, אין איין דזשאינט באארד, איז ענדליך דורכגעפיהרט געווארען.

קיינער פון די זייטיגע מענשען קאן ניט האבען א ריכטיגען באגריף, מיט וויפיעל שוועריגקייטען עס איז אנגעקומען די פאראייניגונג דורכצופיהרען, און איצטער, ווען די פאראייניגונג איז שוין אזוי גוט ווי א פאקט, איז עס א גרויסע פרייד פאר די אלע פון אונזער יוניאן, באזונדערס פאר'ן דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל מיט פרעזידענט זיגמאן בראש.

לעצטען דאנערשטאג, דעם 26טען דזשולי, האט פרעזידענט זיגמאן געהאט א מיטינג מיט די קאמיטעס פון די אלע טיילען פון די דרעסמאכער און קלאוקמאכער, אויף וועלכען עס איז פארענדיגט געווארען די אלע איינצעלהייטען וואס האבען נאך אלץ אפגעהאלטען די פאראייניגונג, און איצטער איז שוין אלץ פארטיג, די פאראייניגונג איז שוין אזוי גוט ווי א פאקט. נאך א וואך און אלץ וועט זיין קאמפליט.

וועגען דער אנגעלעגענהייט האט פרעזידענט זיגמאן די טעג ארויסגעשיקט אן אפיציעלע מעלדונג צו די אלע לאקאלס און דזשאינט באארדס, צווישען וועלכע די פאראייניגונג קומט פאר, אין וועלכען עס ווערט צווישען אנדערעס געזאגט:

דאנערשטאג, דעם 26טען דזשולי, איז אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון אלע קאמיטעס, פון קלאוקמאכער דזשאינט באארד, פון די לאקאלס 22 און 89 און אויך די קאמיטע פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואס האט געהאט די אויפגאבע צו זעהן, דאס די פאראייניגונג פון די דרעסמאכער און די קלאוקמאכער זאל וואס גיכער שטאטפינדען, און אויף דעם מיטינג איז מען געקומען צו דער פאלגענדער פארשטענדיגונג:

די לאקאלס 22 און 89 זאלען אריינשיקען דעלעגאציעס צום דזשאינט

(שלוס אויף זייט 16.)

וויס־פרעזידענט לעפקאוויטש אין לאס אנדזשעלעס

די קלאוקמאכער יוניאן פון לאס אנדזשעלעס געפינט זיך, לײדער, אין אן אפגעשוואכטען צושטאנד, און עפעס מוז באלד געטאן ווערען צו פארבעסערען דעם צושטאנד פון דער יוניאן, וואס דאס מיינט אייגענטליך, צו פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין קלאוק־טרייד פון לאס אנדזשעלעס.

די וואך האט פרעזידענט זיגמאן באשטימט, דאס וויס־פרעזידענט סעמיועל לעפקאוויטש זאל פאהרען אין לאס אנדזשעלעס און זעהן וואס דארף געטאן ווערען אום אויפצושטעלען די קלאוקמאכער יוניאן אויף א בעסערען און געזינטערען באדען. ברודער לעפקאוויטש איז מיטוואך אפגעפאהרען און ער וועט גלייך זיך נעהמען צו דער ארבייט צו פארשטארקען די ארגאניזאציע פון די קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס. ברודער לעפקאוויטש איז גוט באקאנט מיט קלאוקמאכער־אנגעלעגענהייטען און מען קען זיכער ערווארטען, דאס זיין באזוך וועט ברענגען גוטע רעזולטאטען, דאס עס וועט איהם געלינגען בעסער צו ארגאניזירען די קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס.

ברודער לעפקאוויטש וועט אויך זיין אין סאן פראנציסקא און זעהן וואס דארט טוט זיך, נאך דעם לעצטען קלאוק־סטרייק. מיט איין ווארט, מיר האפען, דאס זיין רייזע צום פאסיפיק

(שלוס אויף זייט 7)

לינקע פארלירען דעם קאנטראל איבער פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן

די ממשלה פון די לינקע אין דער קלאוקמאכער יוניאן פון פילאדעלפיא איז געענדיגט. זיי האבען געקאנט געוועלטיגען נאר אזוי לאנג, ווי די גרויסע מיטגלידערשאפט איז געווען גלייכגילטיג און האט זיך ניט אינטערעסירט מיט זייערע מעשים. איצט איז זייער ממשלה געענדיגט.

ביז די לעצטע וואך איז דארט די גאנצע יוניאן געלעגען אין לינקע הענד. די לינקע האבען קאנטראלירט די עקזעקוטיוו באארדס פון די אלע לאקאלס, וואס שטעלען צוזאמען דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן און אויך דעם דזשאינט באארד גופא.

לעצטען דאנערשטאג האט זיך די געשיכטע געענדערט. עס איז דארט פארגעקומען וואהלען כמעט אין אלע לאקאלס פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס און פאר לאקאל באאמטע און די לינקע האבען געכאפט א גרויסע מפלה, זיי האבען פארלארען מיט א קראך. עס איז נאך וואו ניט וואו ערוועהלט געווארען א לינקער קאנדידאט, אבער דעם קאנטראל איבער דער יוניאן האבען זיי אין גאנצען פארלארען. אלע עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס האבען איצט א מאיאריטעט דעלעגאטען פון רעכטען פליגעל, די לינקע זיינען אין די וואהלען אינגאנצען צוקלאפט געווארען.

דאס זעלביגע איז אויך אין באצוג דעם דזשאינט באארד.

אין דעם דזשאינט באארד זיינען דא 30 דעלעגאטען. אין דער צייט ווען די

(שלוס אויף זייט 16)

לאקאל 91 גרייט זיך צו א דזשענעראל־סטרייק פון די בעטהראב ארבייטער

דער קאמפיין, וואס די טשילדרענ'ס דרעס, בעטהראב און הויז־דרעס מייקערס יוניאן, לאקאל 91, האט אנגעפאנגען צו ארגאניזירען אלע בעטהראוב מאכער פון גרייטער ניו יארק, שיינט צו זיין א גרויסער ערפאלג, און אויב די ארבייט וועט ווייטער אנגעהן ווי ביז יעצט, קאן מען ערווארטען צו האבען איינגיכען א דזשענעראל סטרייק פון אלע בעטהראוב ארבייטער אין גרייטער ניו יארק.

דעם דינסטאג אוונט האט ברודער ה. גרינבערג, דער מענעדזשער פון לאקאל 91, איינגערופען א מאסמיטינג פון בעטהראוב ארבייטער, און די פארזאמלונג איז געווען א גרויסער ערפאלג. דער גרויסער ארלינגטאן האל איז געווען איבערפילט מיט ארבייטער פון דעם טרייד. עס האט זיך ארויסגעוויזען דאס די ארבייטער פון דעם פאך זיינען גרייט זיך אנצושליסען צו דער יוניאן, און זיינען אויך גרייט צו קעמפען פאר זייערע רעכטען אין שאפ. א גרויסער פראצענט פון די ארבייטער אין דעם פאך זיינען איטאליענער.

דער מאסמיטינג איז אדרעסירט געווארען פון אונזער אינטערנעשאנאל ארגאנייזער, ארטורא דזשיאוואניטי, לואידזש אנטאניני, דער מענעדזשער פון לאקאל 89 און ה. גרינבערג, דער מענעדזשער פון לאקאל 91, אונטער וועמעס

(שלוס אויף זייט 7.)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 31.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. דאס לעצטע ווארט פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע אין באלטימאר.

זייט 3. פינאנציעלער באריכט פון דער פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן — אב. עטינגער.

זייט 4. די פאליטישע און סאציאלע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען — דר. י. קארמאן.

זייט 5. צוויי מיטינגען פון דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ. וואס איז פארט צו טאן? — ב. קלאסער.

זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראבלעמען.

זייט 7. דער דורכפאל פון זיג — דאן בוירן. אידיש — נ. ב. לינדער.

זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.

זייט 9. דער סוב־מאנופעקטשורער און דער דזשאבער — מאריס זיגמאן.

זייט 10. כשרה אדער טריפה באסעס — א. זעלדין. קורץ און שארף — י. ב. ג.

זייט 11. די אידישע סאניטאריומס פאר קאנסאמפטיווס אין אמעריקא—דר. דזשאראדוש מ. פריים. פארוואנדלונג (געדיכט) — נפתלי גראס.

זייט 12. דער פאטאגראף — ל. באראדוקין. דער פארביסענער (פעליעטאן) — ז. ווהילער.

זייט 13. קורצע שמועסען.

זייט 14 און 15. אדווערטייזמענטס.

זייט 16. דער ווייסטערס סטרייק געגען די פויערמע מיינערס. שלוסען פון זייט 1.

סאב־מאנופעקטשורערס בונטעווען זיך געגען די קלאוק דזשאבערס

אין קלאוק־מארקעט פון ניו יארק האט זיך די לעצטע צייט פארשפרייט א קלאנג, דאס די סאב־מאנופעקטשורערס וואס מאכען די ארבייט פאר די דזשאבערס, זיינען שטארק אומצופרידען מיט דער איצטיגער לאגע אין טרייד, און דאס זיי בונטעווען זיך, און סטראשען זאגאר צו פארמאכען זייערע שעפער.

מיר קאנען ניט זאגען גאנץ באשטימט, צי די לאגע איז ווירקליך אזוי ערנסט, איינס אבער איז זיכער, — אויך די סאב־מאנופעקטשורערס ליידען ניט ווייניג פון דעם כאאס אין קלאוק־טרייד וואס די דזשאבערס האבען געבראכט מיט זיך און א סך פון זיי איז אסור דא וואס מקנא צו זיין. די דזשאבערס זוכען כסדר צו קריגען זייער ארבייט „אויפגעדראפטשעט" וואס ביליגער און זוכען צו פארשפרייטען א וואס מער גארגעל־שניידענדע קאנקורענץ צווישען די סאב־מאנופעקטשורערס. און ווי ווייט קאן עס געהן? וויפיל איז דער שיעור זיך צו לאזען דריקען פון די דזשאבערס, און אין דער זעלבער צייט אויך ארונטערשניידען דעם לעבענס־סטאנדארד פון די ארבייטער אין טרייד?

נאטירליך, די סאב־מאנופעקטשורערס זיינען געווים ניט אויסען זיך איינצושטעלען פאר די ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין זייערע שעפער. אבער, ווי זאגט מען דאס, אינדירעקט קאן אפשר דערפון ארויסקומען א שטיקעל טובה פאר די ארבייטער אויך און עס וואלט טאקע ניט שאדען, אז די סאב־מאנופעקטשורערס זאלען ווירקליך מאכען אן ערנסטען פארזוך, ניט צו דערלאזען דאס די פרייזען אויף דער ארבייט זאלען ווייטער ארונטערגעשניטען ווערען. פארקעהרט, די סאב־מאנופעקטשורערס דארפען מאכען אלע אנשטרענגונגען, דאס די פרייזען פאר אויפמאכען

(שלוס אויף זייט 16)

עקסקורשאן פון סטודענטען־קאונסיל דעם זונטאג

די פריוואט־יאכט „לידי פעיר" וועט אפגעהן 10 א זייגער אין דער פריה.

דעם זונטאג, דעם 5טען אויגוסט, וועט זיין דער עקסקורשאן, ארראנזשירט פון סטודענטען־קאונסיל פון די אינטערנעשאנאל קלאסען און קורסען, פון אונזערע יוניטי סענטערס און ארבייטער אוניווערזיטעט. דער עקסקורשאן ווערט געמאכט מיט א פריוואט־יאכט־שיף, די „לידי פעיר", אין בלויז א באשרענקטע צאהל פערזאנען קאנען זיך באטייליגען. דער פרייז איז $1.50 א פערזאן, און די וואס וועלען פריהער קומען נאך די טיקעטס, יענע וועלען פאהרען.

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע לעזער, דאס א געוויסע צאהל טיקעטס פאר דעם עקסקורשאן זיינען נאך דא צו באקומען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט., און די וואס וועלען קומען פריהער, יענע וועלען זיין די גליקליכע אויסצופאהרען און צו האבען א טאג פון אמת'ן פארגעניגען. די יאכט־שיף וועט פאהרען אויפ'ן האדסאן ריווער און וועט זיך אפשטעלען ביי א זעהר שעהנעם פלאץ. אייל זיך מיט באזארגען טיקעטס אויב איהר ווילט מיטפאהרען. די שיף וועט אפפאהרען פון 81טע סטריט, וועסט סייד, און וועט זיין א גאנצען טאג אויפ'ן האדסאן ריווער.

רעפרעשמענטס וועט מען קאנען באקומען אויפ'ן שיף, אבער לאנטש זאל זיך יעדער מיטנעהמען. פארגעסט אויך ניט, דאס אויפ'ן וואסער איז דער אפעטיט נאך גרעסער ווי אין שטאדט און מען דארף מיטנעהמען גענוג עסען.

עס איז קיין פראגע ניט אז מען וועט דארט גוט פארברענגען. מען וועט טאנצען, זינגען, און עס וועלען זיין פארשיידענע גיימס.

א טויטליכער אינדזשאנקשאן פאר אונזער אינטערנעשאנאל און אלע אנדערע יוניאנס

(שלוס פון זייט 1.)

טשעל און דעם דיסטריקט קאורט פון די יונייטעד סטייטס, אז די אינטערנעשאנאל האט באשלאסען אוועקצורויבען פון דעם אמעריקאנער בירגער, מר. מיטשעל, זיין אייגענטום. דער שטאאט אבער איז מחויב צו באשיצען אייגענטום. דערפאר — דער דאזיגער אינדזשאנקשאן.

אמת, אלע ווייסען, אז דער דאזיגער אגרימענט מיט די ארבייטער איז במחילה א בלאף; אז די מעהרסטע ארבייטער האבען, אפשר, גארניט געוואוסט, וואס זיי שרייבען אונטער. אמת, עס איז א סברא, אז א מענש טאר ניט פארקויפען זיך, אלס א שקלאף, פונקט ווי איינער טאר ניט קויפען א שקלאף, ווייל שקלאפעריי איז פון געזעץ פון לאנד פארבאטען, און דער, וואס קויפט אדער פארקויפט זיך פאר א שקלאף, באגעהט א פארברעכען געגען דעם סאמע פונדאמענטאלען געזעץ פון לאנד; אבער דאס איז ריכטיג פאר געוועהנליכע מענשען מיט געוועהנליכען שכל. פאר מאנופעקטשורערס און אינדזשאנקשאן־דזשאדזשעס עקזיסטירט ניט אזא געזעץ געגען שקלאפעריי. לויט דעם אינדזשאנקשאן האבען די ארבייטער דאס פולסטע רעכט צו פארקויפען זיך און אלע זייערע רעכטע און פרייהייטען, און דער באס מעג קויפען זיי אויפ'ן מארק פונקט ווי מען קויפט א פערד א שטיק פוירניטשור, א דרעס, וואס ווערען באלד נאך דער קניה דער אייגענטום פון דעם קויפער.

מיר האבען, אלזא, אין דעם פאל צו טאן מיט א גאנץ נייעם סארט אינדזשאנקשאן. ביז איצט האבען די קאורטס ארויסגעגעבען אינדזשאנקשאנס געגען יוניאנס אין צייטען פון סטרייקס, ווען די טענה פון די באסעס האט געהאט כאטש א שטיקעל בארעכטיגונג. אין צייט פון סטרייק זיינען די ארבייטער געוועהנליך אונרוהיג, אויפגערעגט. און וואס קענען מענשען ניט טאן, ווען זיי זיינען דערצארנט? זיי קענען דארום איהם אנטאן א שאדען, וואס זיי וועלען קיינמאל ניט קענען גוט־מאכען. דארום דער אינדזשאנקשאן. אונגערעכט, ווי אזא אינדזשאנקשאן איז, ווייל לויט דער לאגיק וואלט מען יעדען מענשען געדארפט האלטען אין קייטען, טאמער וועט ער באגעהן א פארברעכען געגען אייגענטום — דאך, מען האט זיך שוין באלד צוגעוואוינט צו דער צרה, און פילע האבען שוין גאר אויפגעהערט זיך צו וואונדערען. דער איצטיגער אינדזשאנקשאן געגען דער אינטערנעשאנאל — און ווי מיר דערוויסען זיך איז אן עהנליכער אינדזשאנקשאן ארויסגעגעבען געווארען געגען דער אמאלגאמייטעד אין שיקאגא — עפענט גאר א נייעם בלאט אין דער געשיכטע פון אינדזשאנקשאנס. דאס איז אן אינדזשאנקשאן, וואס גראבט אונטער די סאמע עקזיסטענץ פון דער יוניאן. דאס איז אן אינדזשאנקשאן, וואס ערקלעהרט אלס אומגעזעצליך אלע טעטיגקייטען פון דער יוניאן, וועלכע זיינען ביז איצט באטראכט געווארען אלס פאלקאם געזעצליך. דאס איז אן אינדזשאנקשאן, וואס ערקלעהרט די יוניאן פאר אן „אוטלא". עס פארשטעהט זיך, אז ווען די יוניאן זאל וועלען פאלגען דעם געזעץ, דארף זי זיך גלייך אויפלייזען. זי דארף אויפהערען צו אטעמען, צו לעבען, וואריום איהר ארגאניזאציאנס־טעטיגקייט איז דאך דאס לעבען פון יעדער יוניאן.

דערפאר קען גאר קיין קלער ניט זיין פאר קיין יוניאן, מעג זי זיין ווי קאנסערוואטיוו, צו פאלגען אזא אינדזשאנקשאן וואס פארלאנגט פון איהר צו באגעהן זעלבסטמארד. און אונזער אינטערנעשאנאל טראכט געוויס ניט וועגען דעם. פארקעהרט, דער דאזיגער אינדזשאנקשאן האט ארויסגערופען איהר גאנצע ענערגיע, און מיט אלע איהרע כחות איז זי ענטשלאסען צו באקעמפען דעם דאזיגען אינדזשאנקשאן.

זי האט צוליב דעם אנגעשטעלט די גרעסטע, די בארימטעסטע לאיערס אין שיקאגא, אום צו קעמפען געגען דעם אינדזשאנקשאן דורך די קאורטס. אין דער זעלבער צייט האט זי אויף א מינוט ניט דעם געדאנק אפצושטעלען איהר לעבענס־ארבייט, צו ארגאניזירען די ארבייטער אין יוניאנס, אויפצוקלעהרען די ארבייטער, אז זייער איינציגע הילף געגען די רויבערישע אפעטיטען פון זייערע באסעס איז די יוניאן.

זי איז זיך פיל באוואוסט, וואס פאר א גרויסע אויפגאבע זי נעהמט אויף זיך. זי ווייס, אז די פאלגען פאר איהר קענען זיין זעהר שווערע, אבער זי פיהלט, אז דער קאמף פאר פרייהייט געגען שקלאפעריי מוז שטעהן העכער פון אלעס. און זי גלויבט, אז אין דעם דאזיגען קאמף וועט שטעהן מיט איהר ניט נאר די גאנצע ארבייטער־באוועגונג, נאר יעדער און יעדע, וואס דענקען און פיהלען, ווי פרייע מענשען, און וועלכע ווילען ניט דערלאזען, אז די פרייהייט אין אמעריקא זאל אזוי שענדליך פארגוואלדיגט ווערען דורך די אפען־שאפ־באסעס און דורך די אינדזשאנקשאן־דזשאדזשעס.

נאך עפעס איז קלאר געווארען דורך דעם אינדזשאנקשאן. ביז איצט האבען די פארטיידיגער פון אפען־שאפ געוואלט איינריידען דעם אמעריקאנער עולם, אז אפען שאפ מיינט א שאפ, וואס איז אפען פאר א ל ע — יוניאן־מעמבערס, ווי ניט יוניאן־מעמבערס. מר. מיטשעל אין זיין בקשה פאר דעם אינדזשאנקאן און דער דיסטריקט קאורט מיט זיין באוויליגונג פון דעם אינדזשאנקשאן מאכען עס גאנץ קלאר, אז אפען־שאפ מיינט אזא שאפ, וואו אפילו דער דוך פון א יוניאן־ארבייטער טאר ניט זיין.

בקיצור, דער גאנצער אינדזשאנקשאן האט ניט קיין אנדער צוועק, ווי צו ערקלעהרען די ארבייטער־יוניאנס, אלס אן „אוטלא", וואס האט ניט קיין געזעצליך רעכט צו לעבען אין לאנד פון די פרייע און בראווע.

עטוואס פון גרויסער וויכטיגקייט פאר אונזערע פילאדעלפיער לעזער

מיר מיינען עס דעם פיקניק פון דער וועיסט און דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 15, וואס איז שוין אן אינסטיטוציע אין פילאדעלפיא, און אויף וועלכען אלע ווארטען מיט אומגעדולד.

דאס איז שוין דער זעכצעהנטער פיקניק, וואס ווערט פאראנשטאלט פון דער יוניאן, און מיט יעדען יאהר ווערט דיזער פיקניק אלץ שעהנער און אלץ מעהר אמוזאנט. אין וואונדערליכע פייער־ווערק וועלען דאס מאל געגעבען ווערען פארשידענע בילדער, ווי די פון ניאגארא פאלס, און נאך אזעלכע וואונדערליכע נאטורערשיינונגען. נאטירליך וועט זיין א גרויסער ארקעסטער, און אין דעם גרויסען פאוויליאן וועט דער עולם קענען טאנצען און זיך אמוזירען עד עלות השחר.

צוזאמען מיט דעם לאמיר שוין אויך דערמאנען אן די יוניטי היוז אין ארדווילא. די געסט קאנען זיך גארניט אפלויבען פון די גוטע געשמאקע מאכלים און די זעהר אינטערעסאנטע פארוויילונגען, וואס זיי האבען. עס איז נאך איצט צייט פאר די וועלכע ווילען האבען א שעהנע פאר וואכען וואקיישאן, זיך צו ווענדען אין דעם יוניאן אפיס, אין 1018 טשעררי סט., פילאדעלפיא, פא.

יע, פארגעסט נאר ניט, אז דער פיקניק, וועגען וועלכען עס האנדעלט זיך, קומט פאר דעם שבת, דעם 28טען דזשולי. א טאג נאך דעם וועט שוין זיין פיל צו שפעט.

דער באס וויל ניט קיין יוניאן־שאפ פוסטעוועט ער ביי איהם גאר אין גאנצען

די וואהייט גודס ווארקערס יוניאן האט די טעג ערקלעהרט א סטרייק געגען דער פירמע מעינארט פון 226 בעדפארד עוועניו, ברוקלין. דיזער שאפ איז ערקלעהרט געווארען אין סטרייק לעצטען פרייטאג, נאך דעם ווי דעם באלעבאס, מר. שייפער, האט זיך פארגלוסט אפצושרעקען זיינע מיידלאך, אז זיי זאלען ניט ווערען קיין יוניאן־לייט.

ווי באוואוסט, פיהרט די וואהייט־גודס ווארקערס יוניאן אן ענערגישען קאמפיין צו ארגאניזירען אלע וואהייט גודס שעפער, וועלכע זיינען נאך ביז יעצט געבליבען אויסער דער יוניאן־קאנטראל. דער קאמפיין ווערט אנגעפיהרט סיי אין ניו יארק און סיי אין ברוקלין. די ארבייטער פון דער „מעינארט" האבען שוין אפגעהאלטען א פאר שאפ־מיטינגען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אינ'ם מעינארט־שאפ הערשט א פאלשטענדיגער סוועט־שאפ סיסטעם. מען ארבייט דארטען 50 שטונדען א וואך. מיידלאך, וואס זיינען יאהרען אין טרייד, פארדינען קוים 10 דאלאר א וואך, און זיי ווערען אין אלגעמיין באהאנדעלט ווי שקלאפען.

דער באלעבאס, אז ער האט זיך דערוואוסט, אז די ארבייטער האבען אפגעהאלטען א שאפ־מיטינג און באשלאסען צו מאכען דעם שאפ פאר א יוניאן־שאפ, איז געווארען אויסער זיך פון כעס, איז אריין אין שאפ און גענומען זידלען און סטראשען זיינע ארבייטער, אז ער וועט אלעמען ארויסווארפען פון שאפ און וועט פאר קיין פאל ניט דערלאזען, אז ביי איהם זאל ווערען א יוניאן־שאפ. די ארבייטער האבען אויף דעם געענטפערט מיט דעם, וואס זיי האבען אליין פארלאזען דעם שאפ, און ניט געווארט ביז דער באס וועט זיי ארויסווארפען.

דער שאפ ווערט פון די סטרייקער גוט באוואכט, און יעדען פארנאכט ווערען דארטען אפגעהאלטען גאנצע דעמאנסטראציעס. פילע פארבייגעהענדע שטעלען זיך אפ קוקען אויף די יונגע מיידלאך, וועלכע פיקעטען דעם שאפ און גיבען ניט דעם באלעבאס קיין רוה.

דאס פיקעטען וועט אנהאלטען. עס וועלען ניט העלפען קיינע טעקסים און אפילו ניט די פאליסלייט, וועלכע האבען שוין באוויזען צו מאכען אן ארעסט אויך. דער קאמף וועט פארטגעזעצט ווערען, ווייל די ארבייטער, וועלכע סטרייקען אין דעם שאפ, ווילען האבען א יוניאן־שאפ מיט יוניאן־באדינגונגען.

פארלאנגט

יונגע מענשען (טענער אדער פרויען), וואס ווילען ארויס פון שאפ, און אפגעבען זייער גאנצע צייט, אדער א טייל פון זייער צייט אין א גוט באצאהלענדע אונטערנעהמונג.

א גלענצענדע געלעגענהייט פאר סטודענטען

פאר ווייטערע אויסקינפטע זעהט

זיגמונד היימאן

225 פינפטע עוועניו, רום 1116.
טעלעפאן, מעדיסאן סקווער 10365.
פון 9 ביז 10 מארגענס, פון 4 ביז 5.45 אווענדס.

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקילמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

קלאוקמאכער פון ניו יארק טרעפען זיך מיט א פרעזענט פון זייערע שכירות פאר די סטרייקענדע קלאוקמאכער פון קליוולאנד.

טויזענדער ארבייטער פון פארשידענע יוניאנס אין קליוולאנד מארשירען אין א פראטעסט־דעמאנסטראציע געגען די קליוולענדער קלאוק־באסעס פאר זייער אומ'ברחמנות'דיגער האנדלונג געגען זייערע סטרייקענדע בעלי־מלאכות.

מאנכע פון די אויפשריפטען, וואס די דעמאנסטראנטען טראגען, לייענען זיך:

„טעקסי קעבס פאר די סקעבס און פאטראל־וועגענער פאר די סטרייקער".

„ווער באצאהלט די פאליציי, דאס פאלק צי די מאנופעקטשורערס"?

די מאנופעקטשורערס האבען דעטעקטיווס אויף צו פאראורזאכען רייאטען און בלוט־פארגיסונג.

• • •

מייער דזשאן און סאן, וועלכער איז איבער 40 יאהר געווען דער גרעסטער מאנופעקטשורער פון קלאוקס אין אמעריקא, באגעהט זעלבסטמארד. ער ווערט געפונען מיט א קויל אין הארצען אין זיין היים, 333 סענטראל פארק וועסט.

די יוניאן האט אנגעפיהרט א ריזיגען סטרייק געגען דיזען מאנופעקטשורער אין דעם יאהר 1807, וועלכער האט איהם כמעט ווי רואינירט.

• • •

לאקאל 17 געלינגט אפצושאפען די „סעט און סעקשאן סיסטעם" ביי דער פירמע ווייגשטיין ברדס., און פיהרט אן א קאמפיין דאס זעלבע אפצושאפען אין די איבעריגע ריפער שעפער.

• • •

א פאליס־קעפטיין, 14 פאליסלייט, 2 רייטענדע פאליסלייט, 2 פאליס אויף בייסיקלס און איין לייטענאנט באוואכען דעם שאפ פון דער לאק מאנופעקטשורינג קא., פון 144 בלעק עווע. עני קאהען, מאלי מייטעלבוים, לואי ראטמאן, מ. הארעליק און מילי אווערבאך ווערען ארעסטירט אויף דער פיקעט־ליין.

די פאלגענדע בעלי־מלאכות גהען אוועק סקעבען: בעסי לעווין, פאלע בעלאווינא און מארים פרידום. די בראנזוויליער באפעלקערונג האלט זיך זעהר סימפאטיש צו די סטרייקער.

אינשורענס פאר אלעמען און פאר אלעם

זיגמונד היימאן

דזשענעראל אינשורענס בראקער

ברענטש מענעדזשער עקוויטייבל לייף

אויב פארהייראט
באזארגט זיך מיט לעבענס־אינשורענס פאר די וואס זיינען אפהענגיג פון אייך.

אויב ניט פארהייראט
באזארגט זיך מיט אן איינקונפט פאר אייער עלטער, ווען אייער געזונט איז שוואכער און אייערע פארדינסטען קלענער.

אינשורענס
געגען קראנקהייט און עקסידענטס, וואס קענען בארויבען אייערע פארדינסטען.

אינשורענס
פאר אייער הויז און פארמעגען געגען פייער, גנבה און אלע אנדערע געפאהרען.

לאזט מיר אייך צייגען ווי איהר קענט אפשפארען פון אייערע וועכענטליכע ווייזשעס, א קאלעדזש בילדונג פאר אייערע קינדער, אדער געלט פאר זיי ווען זיי דארפען אנפאנגען אן אומאפהענגיגען לעבען.

רופט מיך אפ, אדער שרייבט מיר, און איך וועל אייך באזוכען און העלפען אייך קויפען די אינשורענס וואס איז אם בעסטען פאר אייך.

SIGMUND HAIMAN, Insurance

225 Fifth Avenue :: Room 1116 Tel. Madison Square 10365 :: New York, N.Y.